# 97 Songs

(mostly with melody line)

## By

## Mordechai Gebirtig

(without transcription)

Musikverlag Ulrich Greve

© 2019 Musikverlag Ulrich Greve
Musikverlag Ulrich Greve, Keßlerstr. 14, D-90489 Nürnberg
UG 1100

http://www.ulrich-greve.eu

# מרדכי געבירטיג 4 April 1877 - 4 Juni 1942


קינדער־יאָרן ... 5
העי קלעזמאָרים ... 7
מײַן יובֿל ... 9
קיוועלע ... 11
די זון איז פֿאַרגאַנגען ... 13
מײַן טאַטע אַ כּוהן ... 15
הוליעט, הוליעט, קינדערלעך ... 17
אוי, מאַמעניו מײַן ... 19
שלאָף שוין, מײַן קינד ... 21
אונדזער אָרעם קינד ... 23
זאָג מיר, לבֿנה ... 25
יאַנקעלע ... 27
משהלע, מײַן פֿרײַנד ... 29
רײזעלע ... 32
דרײַ טעכטערלעך ... 35
העי, ציגעלעך ... 37
די געפֿאַלענע ... 39
אַזעלכע צוויי גאָלדענע צעפּ ... 41
דאָס לידל פֿון גאָלדענעם לאַנד ... 43
קליינער יתום ... 45
די נאַכט קומט אָן צו שוועבן ... 47
הונגעריק דײַן קעצעלע ... 49
משהלע ... 51
אַרבעטלאָזער-מאַרש ... 53
אַן אַרבעטלאָזער ... 55
ס׳איז גוט ... 57
מינוטן פֿון בטחון ... 60
בלומקע, מײַן זשידוּווקע ... 62
שוין שטיל איז אין געסל ... 64
אַבֿרהמעלע און יאָסעלע ... 66
כ׳וויל נישט אַזאַ חתן ... 68
איך האָב דיך ליב ... 70
אוי, ברידער, לחיים! ... 72
חנהלע און נחומל ... 74
די ליאַלקע ... 76
מאָטעלע ... 78
נאָך אַ גלעזעלע טיי ... 80
שלמהלע ליבער ... 82
אוי, נאַרישע בריאה ... 84
אַ מלאך ווערט געבאָרן ... 86
מאַמעניו, אַן עצה ... 88
טרילי טרילילי ... 90
דער זינגער פֿון נויט ... 92
אַבֿרהמל דער מאַרוויכער ... 94
אָרעמע שנײַדערלעך ... 97
בײַם טײַכעלע ... 99
פֿאַרוואָס, זאָג מיר, מאַמעניו ... 101
פֿאַרוואָס וויינסטו, שיינדעלע ... 104
קאַרטאָפֿל-זופּ מיט שוואָמען ... 106
דאָס אַלטע פּאָר פֿאָלק ... 109
חלוצים-ליבע ... 111
ווער דער ערשטער וועט לאַכן ... 113
אונדזער שטעטל ברענט ... 115

קום, לייבקע, טאַנצן ..... 117
מײַן היים! ..... 120
קריגס-אינוואַליד ..... 123
די ערשטע בלעטלעך ..... 125
צו מײַן געליבטער ..... 126
גאָטס שמייכל ..... 127
מיט איר זיך באַקענט ..... 128
ביילקע ..... 129
די קאָרטן-לייגערין ..... 130
די פֿאַרפֿירטע ..... 131
די נשמה ..... 132
געפֿאָרן גאַנץ ווײַט ..... 133
מײַן פֿרילינג ..... 134
הערשעלע ..... 135
פֿאַר וואָס שווײַגט ער דאָרט? ..... 137
סליחות ..... 138
שטערן-סאָרטן ..... 139
פֿון וואַנען? ..... 140
אין פֿאַבריק ..... 141
אונטער גייט די וועלט ..... 142
ערב יום-כיפּור ..... 143
שיפֿרעלעס פּאָרטרעט ..... 144
ס׳טוט וויי ..... 145
בלײַב געזונט מיר, קראָקע! ..... 146
איך האָב שוין לאַנג ..... 147
געהאַט האָב איך אַ היים ..... 148
אַ זוניקע שטראַל ..... 149
מײַן חלום ..... 150
גלאָקן קלאַנג ..... 151
אַ טאָג פֿון נקמה! ..... 152
זון, זון, זאַנג ..... 153
אונדזער פֿרילינג! ..... 154
אין געטאָ ..... 155
מינוטן פֿון יאוש ..... 156
די מאַמע ..... 157
בײַ גבֿירים אַ דינסטמויד צו זײַן ..... 160
אַ לידעלע, טײַער ווי גאָלד ..... 162
קער, בעזעמל, קער ..... 164
געוואַלד וועל איך שרײַען! ..... 167
היי, ציגײַנערל! ..... 170
טיק-טאַק ..... 173
אוי, מײַן חבֿר! ..... 175
אונדזער טאָכטער חיה ..... 177
האָב רחמנות ..... 180

## קינדער־יאָרן

קינדער־יאָרן, זיסע קינדער־יאָרן,
אייביק בלײַבט איר וואַך אין מײַן זיכּרון;
ווען איך טראַכט פֿון אײַער צײַט,
ווערט מיר אַזוי באַנג און לייד–
אוי, ווי שנעל בין איך שוין אַלט געוואָרן.

נאָך שטייט מיר דאָס שטיבל פֿאַר די אויגן,
ווו איך בין געבוירן, אויפֿגעצויגן,
אויף מײַן וויגל, זע איך דאָרט,
שטייט נאָך אויף דעם זעלבן אָרט–
ווי אַ חלום איז דאָס אַלץ פֿאַרפֿלויגן.

און מײַן מאַמע אַך, ווי כ׳פֿלעג זי ליבן,
כאָטש זי האָט אין חדר מיך געטריבן;
יעדער קניפּ איז פֿון איר האַנט
מיר נאָך אַזוי גוט באַקאַנט–
כאָטש קיין צייכן איז מיר נישט פֿאַרבליבן.

נאָך זע איך דיך, פֿייגעלע, דו שיינע,
נאָך קוש איך די רויטע בעקלעך דײַנע,
דײַנע אויגן פֿול מיט חן
דרינגען אין מײַן האַרץ אַרײַן,
כ׳האָב געמיינט, דו וועסט אַמאָל זײַן מײַנע.

קינדער־יאָרן, יונגע שיינע בלומען!
צוריק צו מיר וועט איר שוין מער נישט קומען;
יאָרן אַלטע, טרויעריקע,
קאַלטע, מרה-שחורהדיקע
האָבן אײַער שיינעם פּלאַץ פֿאַרנומען.

קינדער־יאָרן, כ׳האָב אײַך אָנגעווירן,
מײַן געטרײַע מאַמען אויך פֿאַרלוירן,
פֿון דער שטוב נישטאָ קיין פֿלעק,
פֿייגעלע איז אויך אַוועק,
אוי, ווי שנעל בין איך שוין אַלט געוואָרן.

# קינדער־יאָרן

מרדכי געבירטיג



## העי קלעזמאָרים

העי, קלעזמאָרים, גוטע ברידער!
איר באַקומט פֿון מיר אויף ווײַן–
שפּילט מיר אויף אַ פֿריילעך לידל,
שלעפּט מײַן מרה-שחורה אײַן.

טרויעריק איז מיר אויפֿן האַרצן,
כ׳פֿיל, דאָרט עפּעס נאָגט און קוועלט;
ס׳בענקט נאָך עפּעס מײַן נשמה
און איך ווייס  נישט וואָס מיר פֿעלט.

שפּילט-פֿאַרוויגט מיט אײַערע טענער
מיר דעם אומעט אין מײַן האַרץ,
ווי מײַן מאַמע פֿלעגט פֿאַרוויגן
מיט אַ לידעלע מײַן שמאַרץ.

שפּילט מיר אויף אַ פֿריילעך לידל–
עפּעס שפּילט איר טרויעריק הײַנט;
ס׳וויינט דאָס פֿלייטל, ס׳וויינט דער  פֿידל–
אַלץ אַרום מיר עפּעס וויינט.

העי, קלעזמאָרים, גוטע ברידער!
איר באַקומט פֿון מיר אויף ווײַן–
שפּילט מיר אויף אַ פֿריילעך לידל,
שלעפּט מײַן מרה שחורה אײַן.

# העי קלעזמאָרים

מרדכי געבירטיג



## מײַן יובֿל

שפּיל, קלעזמער, שפּיל-אויף מיר אַ לידל,
ס׳איז הײַנט מײַן יובֿל, שפּיל מיט הומאָר
אַ פֿריילעכס! אַז שפּרינגען זאָל דײַן פֿידל,
מיר איז געוואָרן הײַנט פֿופֿציק יאָר !

באַפֿרײַ מיך הײַנט פֿון מײַנע זאָרגן,
כ׳וויל הײַנט אַ לעב טאָן–שפּיל, אַלטער פֿרײַנד !
איך ווייס נישט וואָס ברענגען וועט דער מאָרגן,
ס׳קען זײַן מײַן שמחה די לעצטע הײַנט.

שוין פֿופֿציק איז מיר הײַנט געוואָרן,
צו מײַן סך-הכּל פֿעלט שוין נישט פֿיל,
דער גליקלעכסטער טייל פֿון מײַנע יאָרן
איז שנעל פֿאַרפֿלויגן–שפּיל, קלעזמער, שפּיל!

פֿאַרפֿלויגן ווי טענער פֿון פֿידל
מײַן שיינע יוגנט– אַ חלום נאָר–
שפּיל, קלעזמער, מיר אויף אַ פֿריילעך לידל,
מיר איז געוואָרן הײַנט פֿופֿציק יאָר.

# מײַן יובֿל

מרדכי געבירטיג



**קיוועלע**
(וויג-לידל)

שלאָף, מײַן נשמהלע, מײַן טײַער קיוועלע,
אײַ-ליו ליו-ליו ליו, שלאָף-זשע מיר,
ס׳איז פֿונעם טאַטעניו געקומען אַ בריוועלע—
טויזנט זיסע קושן שיקט ער דיר,
ס׳איז פֿונעם טאַטעניו געקומען אַ בריוועלע—
נאָר ווײַל די וויינסט און שלאָפֿסט נישט אײַן,
שרײַב איך צום טאַטעניו, אַז שלעכט איז זײַן קיוועלע,
כ׳גיב די זיסע קושן דיר נישט, ניין.

שלאָף, מײַן נחמהלע, מײַן טײַער קיוועלע,
שאַ, שטיל, אוי וואָס איז הײַנט מיט דיר?
ס׳איז פֿונעם טאַטעניו געקומען אַ בריוועלע—
ער נעמט אונדז אַריבער, שרײַבט ער מיר;
ס׳איז פֿונעם טאַטעניו געקומען אַ בריוועלע—
נאָר ווען דו ועסט נישט רויִק זײַן,
פֿאָרט מיט מיר משהלע און לאהלע און ריוועלע,
דיך לאָז איך דאָ איבער גאַנץ אַליין.

שלאָף מיר, מײַן קדישל, מײַן טײַער קיוועלע,
פּלאָג נישט און קווייל מיך נישט אומזיסט.
כ׳האָב צו דעם טאַטעניו געשריבן אַ בריוועלע,
אים דערציילט ווי שיין, ווי שלעכט דו ביסט,
כ׳האָב צו דעם טאַטעניו געשריבן אַ בריוועלע—
נאָר ווען דו שלאָפֿן וועסט אַצינד,
פֿאָרט צו דעם טאַטעניו  מיט אונדז אויך מײַן קיוועלע,
קריגסט די זיסע קושן אויך, מײַן קינד.

# קיוועלע

(וויג-לידל)

מרדכי געבירטיג



## די זון איז פֿאַרגאַנגען

די זון איז פֿאַרגאַנגען, שוין טריבלעך געוואָרן,
כ׳ליג איינזאַם, פֿאַראומערט בײַם וואַלד
און טראַכט פֿון מײַן יוגנט, אַך, גליקלעכע יאָרן,
אַ בענקשאַפֿט נאָך זיי מיך באַפֿאַלט.

און פּלוצלונג דערזע איך, עס ווילט זיך נישט גלויבן,
צי זאָל דאָס אַ חלום זײַן בלויז,
עס קומען צו שוועבן פֿיל ווײַסינקע טרויבן
און שטעלן אַרום מיר זיך אויס.

און כ׳פֿיל אַזוי יונג זיך ווי ס׳וואָלט מיט זיי קומען
מײַן יוגנט צוריק פֿון דאָס נײַ,
און כ׳הער ווי די טײַבעלעך וואָרקען און ברומען,
כ׳פֿאַרנעם אָט די ווערטער פֿון זיי:

— דו האָסט פֿאַר אַ ווײַל אונדז דערמאַנט אין זיכּרון,
דערקענסט אונדז? קוק אײַן זיך גענוי,
דאָס זענען מיר דײַנע פֿאַרגאַנגענע יאָרן,
נאָך וועלכע דיר בענקט זיך אַזוי.

מיר האָבן דעם רוף פֿון דײַן האַרצן פֿאַרנומען,
דײַן אומעט, דײַן בענקען אָן שיעור,
נו, זענען מיר טײַבעלעך ווידער געקומען
און בלײַבן שוין אייביק מיט דיר.

איך שטרעק מײַנע הענט אויס און גיב זיי אָפּ שלום,
ביסט יונג, הער איך וואָרקען אין וואַלד—
און פּלוצלונג דערוואַך איך, געוועןן בלויז אַ חלום,
כ׳ליג איינזאַם, פֿאַראומערט און אַלט.

# די זון איז פֿאַרגאַנגען

מרדכי געבירטיג



## מײַן טאַטע אַ כּוהן

כ׳האָב פֿאַר דיר, מײַן העלד, קיין מורא,
שלאָג מיך נאָר, פּרוביר!
קוים דערוויסט זיך דאָס מײַן טאַטע
איז דאַן ווײי צו דיר.

ווײַל מײַן טאַטע איז אַ כּוהן,
ס׳איז מיט אים קיין שפּאַס:
ער צערײַסן קען אַ מענטשן,
ווען ער ווערט אין כּעס.

איין מאָל האָט אין הויף אַבֿרהמל
מיר דערלאַנגט אַ שטויס,
און מײַן טאַטע, רויט פֿון צאָרן,
איז צו אים אַרויס.

נאָר אַ מזל האָט אַבֿרהמל—
גראָד דעם אויגן-בליק
שטאַרבט אַוועק זײַן קראַנקער טאַטע,
אוי, האָט ער אַ גליק!

ווײַל אַ כּוהן מוז פֿאַרלאָזן
ס׳הויז ווּ ס׳ליגט אַ מת—
שלאָג מיך נאָר; דו מיינסט, אַז תּמיד
טרעפֿט זיך אַזאַ נס?

# מײַן טאַטע אַ כּוהן

מרדכי געבירטיג

**Allegretto**



## הוליעט, הוליעט, קינדערלעך

שפּילט אײַך, ליבע קינדערלעך—
דער פֿרילינג שוין באַגינט!
אוי ווי בין איך, קינדערלעך,
מקנא אײַך אַצינד.

הוליעט, הוליעט, קינדערלעך,
כּל-זמן איר זענט יונג,
ווײַל פֿון פֿרילינג ביז צום ווינטער
איז אַ קאַצן-שפּרונג.

שפּילט אײַך, ליבע קינדערלעך,
פֿאַרזוימט קיין אויגן-בליק.
נעמט מיך אויך אַרײַן אין שפּיל,
פֿאַרגינט מיר אויך דאָס גליק.
הוליעט, הוליעט, קינדערלעך ...

קוקט נישט אויף מײַן גראָען קאָפּ,
צי שטערט דאָס אײַך אין שפּיל?
מײַן נשמה איז נאָך יונג,
ווי צ׳ריק מיט יאָרן פֿיל.
הוליעט, הוליעט, קינדערלעך ...

מײַן נשמה איז נאָך יונג
און גייט פֿון בענקשאַפֿט אויס.
אַך, ווי גערן ווילט זיך איר
פֿון אַלטן גוף אַרויס.
הוליעט, הוליעט, קינדערלעך ...

שפּילט אײַך, ליבע קינדערלעך,
פֿאַרזוימט קיין אויגן-בליק,
ווײַל דער פֿרילינג עקט זיך באַלד,
מיט אים דאָס העכסטע גליק.
הוליעט, הוליעט, קינדערלעך ...

# הוליעט, הוליעט, קינדערלעך

מרדכי געבירטיג

**Allegretto**



## אוי, מאַמעניו מײַן

אוי, מאַמעניו מײַן, מאַמעניו מײַן טײַערע!
איז דאָס אמת, מאַמע,
אַז דער ליבער גאָט
מיר מײַן גוטן טאַטן
צוגענומען האָט?
פֿאַרוואָס גראָד מײַן טאַטן,
מיך פֿאַרדריסט דאָס זייער,
איך וועל, זאָגט דער זיידע,
אים נישט זען שוין מער.
מאַמעניו מײַן, כ׳וויל, מאַמעניו מײַן,
בײַם טאַטן זײַן.

אוי, מאַמעניו מײַן, מאַמעניו מײַן טײַערע!
איז דאָס אמת, מאַמע,
וואָס דער זיידע זאָגט,
אַז די טויטע לײַדן
ווען נאָך זיי מען קלאָגט?
און ווען מיר דאָ ווײנען
האָבן זיי קיין רו—
כ׳וועל שוין מער נישט וויינען,
וויין נישט, מאַמעניו.

אוי, מאַמעניו מײַן, מאַמעניו מײַן טײַערע!
איז דאָס אמת, מאַמע,
וואָס איך האָב געהערט?
ווען משיח וועט קומען
אויף זײַן ווײַסן פֿערד,
וועלן אַלע מתים
אויפֿשטיין פֿון דאָס נײַ
און מײַן גוטער טאַטע
וועט זײַן צווישן זיי?
מאַמעניו מײַן! אוי, מאַמעניו מײַן,
ווען וועט דאָס זײַן?

# אוי, מאַמעניו מײַן

מרדכי געבירטיג

**Andantino**



## שלאָף שוין, מײַן קינד

(וויג-ליד)

שלאָף שוין, מײַן קינד, מײַן ייִנגעלע קליינס,
די אייגעלעך דײַנע מאַך צו—
די מאַמע וועט קויפֿן אַ פֿערדל אַ שיינס,
נאָר שלאָף-זשע מיר— איי-ליו ליו-ליו.

אַ פֿערדל אַ שיינס, ס׳וועט קאָסטן פֿיל געלט,
אַ וועגעלע אויך, אויף מײַן וואָרט.
דו וועסט קאָנען פֿאָרן אַרום אין דער וועלט,
אויפֿזוכן דײַן טאַטעשי דאָרט.

דײַן טאַטע, מײַן קינד, איז לאַנג שוין אַוועק,
אַ בריוול געשריבן, נישט מער.
געפֿינסטו אים דאָרטן, דאַן פֿרעג אים, אוי פֿרעג,
צי ליבט ער דײַן מאַמען נישט מער.

צי האָט ער פֿאַרגעסן זײַן ווײַב און זײַן קינד,
אַ צווייטע פֿאַרטרעט דאָרט מײַן אָרט.
צי אפֿשר חלילה, אוי ווײ מיר און ווינד,
געשטאָרבן דער טאַטעשי דאָרט.

איי-ליו-ליו— שלאָף, מײַן ייִנגעלע קליינס,
אַ יתומל נעבעך ביסטו.
אין וועל דיך לערנען אַ קדישל אַ שיינס,
שלאָף-זשע מיר – איי-ליו ליו-ליו.

# שלאָף שוין, מײַן קינד

(וויג-ליד)

מרדכי געבירטיג



## אונדזער אָרעם קינד

איך קום צו דיר דאָס לעצטע מאָל,
נישט בעטן זיך, אָ, ניין,
איך ווייס, אומזיסט, איז יעדעס וואָרט,
דײַן האַרץ איז פֿון אַ שטיין.

איך קום צו דיר דאָס לעצטע מאָל,
דערמאַנען דיך אַצינד,
וואָס וועט געשען אין פֿינדל-הויז
מיט אונדזער אָרעם קינד.

איך האָב מײַן וועלט שוין אָפּגעלעבט,
איך שטיי שוין האַרט בײַם ברעג,
באַלד וועט דער טײַך אַ זינדיקע
פֿאַרשלעפּן ווײַט אַוועק.

און די וועסט זיך אויפֿזוכן באַלד
אַ פֿרוי פֿון רײַכן הויז,
וועסט האָבן מיט איר קינדערלעך,
זיי פּיעשטשען אויף דײַן שויס.

אַ לעבן פֿול מיט גליק און פֿרייד
פֿאַר דיר, פֿאַר זיי באַגינט—
וואָס וועט געשען אין פֿינדל-הויז
מיט אונדזער אָרעם קינד?

# אונדזער אָרעם קינד

מרדכי געבירטיג



## זאָג מיר, לבֿנה

דער קאַלטער ווינטער איז שוין אַריבער,
די פֿרילינג-זון מיט פֿרייד באַגריסט די וועלט,
נאָר מיר אין האַרצן ווערט טעגלעך טריבער,
זינט מײַן געליבטער איז אַרויס אין פֿעלד.

קענען מיך דען פֿרייען די פֿרילינגס-בלומען,
די פֿייגעלעך מיט זייער ליב געזאַנג,
ווען פֿון מײַן חתן איז נישט געקומען
קיין שום ידיעה שוין חדשים לאַנג.

נישט זאָרג, געליבטע, האָט ער מיט טרערן
די לעצטע נאַכט דערקלערט אין וועלדל מיר;
בײַ דער לבֿנה און בײַ די שטערן
שווער איך דיר צו: מײַן האַרץ געהער צו דיר.

און טרויעריק האָבן די ביימער אַלע,
די בלימעלעך, די גרעזעלעך געררוישט,
גלײַך ווי זיי וואָלטן באַוויינט די כּלה,
וואָס שטייט פֿון לעצטן ליבן קוש באַרוישט.

האָט ער זײַן שבֿועה, זײַן וואָרט געבראָכן,
צי אפֿשר האָט פֿאַרנומען אים דער פֿײַנט?
צי ליגט ער דרויסן די ברוסט צעשטאָכן
און פֿון יסורים קרעכצט ער דאָרט און וויינט.

זאָג מיר, לבֿנה, זאָגט, ליבע שטערן,
איר, עדות מײַנע, נאָך פֿון יענער נאַכט:
צי וועט מײַן חתן צוריק זיך קערן,
צי האָט דער טויט זײַן טרײַעס אויג פֿאַרמאַכט?

# זאָג מיר, לבֿנה

מרדכי געבירטיג



## יאַנקעלע
(וויג-ליד)

שלאָף-זשע מיר שוין, יאַנקעלע, מײַן שיינער,
די אייגעלעך, די שוואַרצינקע מאַך צו,
אַ ייִנגעלע, וואָס האָט שוין אַלע ציינדלעך,
מוז נאָך די מאַמע זינגען איַי-ליו-ליו?

אַ ייִנגעלע, וואָס האָט שוין אַלע ציינדלעך,
און וועט מיט מזל באַלד אין חדר גיין,
און לערנען וועט ער חומש און גמרא,
זאָל וויינען ווען די מאַמע וויגט אים איַין?

אַ ייִנגעלע, וואָס לערנען וועט גמרא,
אָט שטייט דער טאַטע, קוועלט און הערט זיך צו,
אַ ייִנגעלע, וואָס וואַקסט אַ תּלמיד-חכם,
לאָזט גאַנצע נעכט דער מאַמען נישט צורו?

אַ ייִנגעלע, וואָס וואַקסט אַ תּלמיד-חכם,
און אַ געניטער סוחר אויך צוגלײַך,
אַ ייִנגעלע, אַ קלוגער חתן-בחור,
זאָל ליגן אַזוי נאַס ווי אין אַ טײַך?

נו, שלאָף-זשע מיר, מײַן קלוגער חתן-בחור,
דערוויַיל ליגסטו אין וויגעלע ביַי מיר.
ס׳וועט קאָסטן נאָך פֿיל מי און מאַמעס טרערן
ביזוואַנען ס׳וועט אַ מענטש אַרויס פֿון דיר.

# יאַנקעלע

(וויג-ליד)

מרדכי געבירטיג

**Allegretto**



## משהלע, מײַן פֿרײַנד

וואָס מאַכסטו עפּעס, משהלע?
כ׳דערקען דיך נאָך אָן בליק,
דו ביסט געווען מײַן חבֿרל
מיט יאָרן פֿיל צוריק,
און אויך אין חדר האָבן מיר
געלערנט לאַנג באַנאַנד,
אָט שטייט פֿאַר מיר דער רבי נאָך,
דער קאַנטשיק אין זײַן האַנט.

[רעפֿרען]
אוי, ווּ נעמט מען צוריק די יאָרן,
יענע שײנע צײַט,
אוי, דאָס יונגע שײנע לעבן
איז פֿון אונדז שוין ווײַט,
אוי, ווי נעמט מען צוריק די יאָרן,
משהלע, מײַן פֿרײַנד,
אוי, נאָך יענעם בייזן רבין
בענקט דאָס האַרץ נאָך הײַנט.

וואָס מאַכסטו, זאָג, מײַן חבֿרל?
דײַן שמייכעלע אַצינד
דערמאָנט מיר דײַן עקשנותקייט
נאָך זײַענדיק אַ קינד,
דער רבי שמײַסט אין דיר אַרײַן
ביסט אויפֿגערעגט און בלאַס,
נאָר אים להכעיס שמייכלסטו,
דער רבי שפּרינגט פֿון כּעס.

[רעפֿרען]
אוי, ווּ נעמט מען צוריק די יאָרן
יענע שײנע צײַט,
אוי, דאָס יונגע שײנע לעבן
איז פֿון אונדז שוין ווײַט,
אוי, ווי נעמט מען צוריק די יאָרן,
משהלע, מײַן פֿרײַנד,
אוי, נאָך יענע שמיץ פֿון רבין
בענקט דאָס האַרץ נאָך הײַנט.

וואָס מאַכט דײַן שוועסטער רחלע?
ווי כ׳וואָלט זי איצט געזען,
זי איז אַמאָל, געדענקסטו נאָך,
מיר נאָענט צום האַרץ געווען,
נאָר זי געליבט האָט בערעלען,
געהאַסט מיך אָן שום גרונט
געבליבן איז אין האַרצן לאַנג

אַ נישט-פֿאַרהיילטע ווּנד.

[רעפֿרען]
אוי, ווּ נעמט מען צוריק די יאָרן
יענע שיינע צײַט,
אוי, דאָס יונגע שיינע לעבן
איז פֿון אונדז שוין ווײַט,
אוי, ווי נעמט מען צוריק די יאָרן,
משהלע, מײַן פֿרײַנד,
אוי, נאָך יענער שיינער רחלע
בענקט דאָס האַרץ נאָך הײַנט.

ווי גייט עס עפּעס בערעלען,
אַבֿרהמעלע וואָס מאַכט?
און זאַלמעלע און יאָסעלע?
זייער אָפֿט פֿון אײַך געטראַכט,
געחלומט פֿון אײַך, קינדערלעך,
געזען זיך אין דער מיט,
געוואָרן אַלטע ייִדעלעך—
ווי שנעל דאָס לעבן פֿליט.

[רעפֿרען]
אוי, ווּ נעמט מען צוריק די יאָרן
יענע שיינע צײַט,
אוי, דאָס יונגע שיינע לעבן
איז פֿון אונדז שוין ווײַט,
אוי, ווי נעמט מען צוריק די יאָרן,
משהלע, מײַן פֿרײַנד,
אוי, נאָך יענע יונגע ליידן
בענקט דאָס האַרץ נאָך הײַנט.

# משהלע, מײַן פֿרײַנד

מרדכי געבירטיג



## רייזעלע

אַ מתּנה מײַן טאָכטער
שפּרה מיט איר חתן
הענעך שטאַמבערגער
a matone mayn tokhter Sehifre
mit ir khosn Henekh Shtamberger

שטייט זיך דאָרט אין געסעלע
שטיל פֿאַרטראַכט אַ הײַזעלע,
דרינען אויפֿן בוידעם-שטיבל
ווינט מײַן טײַער רייזעלע.
יעדן אָוונט פֿאַרן הײַזל,
דריי איך זיך אַרום,
כ׳גיב אַ פֿײַף, און רוף אויס: רייזל,
קום, קום, קום!

עפֿנט זיך אַ פֿענצטערל,
וואַכט אויף ס׳אַלטע הײַזעלע
און באַלד קלינגט אין שטילן געסל
אַ זיס קול, ס׳רעדט רייזעלע:
— נאָך אַ ווײַלע וואַרט, מײַן ליבער,
באַלד ווער איך זײַן פֿרײַ,
גיי זיך נאָך אַפּאָר מאָל איבער—
איינס, צוויי, דרײַ!

גיי אין מיר אַ פֿריילעכער,
זינג און קנאַק מיר ניסעלעך,
הער איך אויף די טרעפּלעך שפּרינגען
אירע דראָבנע פֿיסעלעך,
שוין אַראָפּ פֿון לעצטן טרעפּל,
כ׳נעם זי ליב אַרום,
כ׳גיב איר שטיל אַ קוש אין קעפּל —
קום, קום, קום!

— כ׳וויל דיך בעטן, דודל,
זאָלסט אַרויף נישט פֿײַפֿן מער.
— הערסט, ער פֿײַפֿט שוין, זאָגט די מאַמע,
זי איז פֿרום, ס׳פֿאַרדריסט זי זייער,
פֿײַפֿן, זאָגט זי, איז נישט ייִדיש,
ס׳פּאַסט נאָר בלויז פֿאַר "זיי".
גיב אַ צייכן פּראָסט אויף ייִדיש—
איינס, צוויי, דרײַ!

— כ׳וועל פֿון הײַנט נישט פֿײַפֿן מער,
דרויף גיב איך אַ שבֿועהלע—
דיר צוליב וועל איך אַפֿילו

ווערן פֿרום, מײַן צנועהלע,
כ׳וועל זײַן ווען דו ווילסט נאָר, רייזל,
ווי דײַן מאַמע פֿרום,
יעדן שבת גיין אין קלייזל—
קום, קום, קום!

— כ׳גלייב עס דיר, מײַן ליבינקער,
און דערפֿאַר דיר, דודל,
שטריק איך אַ שיין תּפֿילין-זעקל
מיט אַ מגן-דודל,
ווען געפֿעלן ס׳וועט אין קלייזל,
זאָגן זאָלסטו זיי:
— ס׳האָט געשטריקט מײַן ליבע רייזל—
איינס, צוויי, דרײַ!

— כ׳דאַנק פֿאַר דײַן מתּנהלע,
כ׳ליב אַזוי דיך, רייזעלע!
כ׳ליב דײַן מאַמען, כ׳ליב דאָס געסל,
כ׳ליב דאָס אַלטע הייזעלע,
כ׳ליב די שטיינדלעך לעבן הייזל—
טרעטסט  אויף זיי אַרום,
הער, דײַן מאַמע רופֿט שוין: רייזל,
קום, קום, קום!

גיי איך מיר אַ פֿריילעכער,
זינג און קנאַק מיר ניסעלעך,
הער איך אויף די טרעפּלעך לויפֿן
אירע דראָבנע פֿיסעלעך—
ווידער שטייט פֿאַרטראַכט דאָס הײַזל,
ס׳געסל ווידער שטום.
קום צו מיר אין חלום, רייזל,
קום, קום, קום!

# רייזעלע

אַ מתּנה מײַן טאָכטער
שפֿרה מיט איר חתן
הענעך שטאַמבערגער

מרדכי געבירטיג

**Allegretto**



## דרײַ טעכטערלעך

אַ מתּנה
מײַן ליב ווײַבל בלומקע

ווען מיט מזל, געזונט און לעבן
ס׳עלטסטע טעכטערל מיר וועלן אויסגעבן
וועל איך טאַנצן מיר האָפּ, האָפּ!
אַראָפּ אַן עול פֿון קאָפּ,
וועל איך טאַנצן, אוי, וועל איך טאַנצן—
אַראָפּ אַן עול פֿון קאָפּ.

שפּילט, קלעזמאָרים! שפּילט מיט לעבן—
ס׳ערשטע טעכטערל הײַנט אויסגעגעבן,
נאָך געבליבן אונדז מיידלעך צוויי,
ווי האַלט מען שוין בײַ זיי!

שפּילט, קלעזמאָרים נעמט די כּלי-זײַן!
זאָל די גאַנצע וועלט מיט אונדז זיך פֿרייען,
אוי, אונדזער שמחה ווייסט נאָר איין גאָט
און דער וואָס טעכטער האָט.

ווען כ׳וועל זען שוין דאָס צווייטע מיידל
אָנגעטאָן אין ווײַסן חופּה-קליידל,
וועל איך טרינקען און פֿריילעך זײַן—
אַראָפּ פֿון האַרץ אַ שטיין,
וועל איך טרינקען, אוי, וועל איך אין טרינקען,
אַראָפּ פֿון האַרץ אַ שטיין.

שפּילט, קלעזמאָרים, הייבט אָן שנײַדן!
ס׳צווייטע מיידל גיבן מיר אויס אין פֿריידן,
דאָס מוזיניקל נאָך האָבן מיר,
ווי האַלט מען שוין בײַ איר.
שפּילט, קלעזמאָרים, פֿאַר אונדז מחותּנים,
זאָלן אַ לעב טאָן אויך אַמאָל קבצנים,
אַ קינד אויסגעגעבן, אוי, גאָטעניו,
אַ מיידל נאָך דערצו.

ווען בײַם לעצטן כ׳וועל שפּילן הערן,
וועל איך עפּעס טרויעריק שטיין און קלערן—
ס׳לעצטע טעכטערל שוין אוין אַוועק,
וואָס נאָך איז דאָ דער צוועק?
ס׳לעצטע טעכטערל, אוי, ס׳לעצטע טעכטערל,
וואָס נאָך איז דאָ דער צוועק?

שפּילט, קלעזמאָרים! באַזעצט די כּלה,
צוגענומען אונדז די קינדער אַלע,
שווער געווען אונדז די טעכטער דרײַ
אוי, שווערער נאָך אָן זיי.
שפּילט, קלעזמאָרים, אַרויס אונדז טרערן,
ס׳לעצטע בעטל וועט הײַנט ליידיק ווערן,
ס׳גאַנצע שטיבל, איר קליידער-שאַנק—
אוי-וויי, ווי פּוסט און באַנג.

# דרײַ טעכטערלעך

אַ מתּנה
מײַן ליב ווײַבל בלומקע

מרדכי געבירטיג

**Allegretto**



## העי, ציגעלעך

העי, ציגעלעך, קומט אַהער צו מיר געשווינד,
אַ שיין לידעלע וועל איך אויפֿזינגען אײַך אַצינד,
פֿון אַ פּאַסטעכל הייבט דאָס לידעלע זיך אָן
און אַ מיידעלע וואָס האָט כּישוף אים געטאָן.

העי, ציגעלעך, הערט וואָס ווײַטער איז געשען:
לוסטיק, לעבעדיק איז אַמאָל ס׳פּאַסטעכל געווען,
הײַנט ווי אומעטיק, קוקט די שעפֿעלעך נישט אָן,
בענקט נאָכן מיידעלע וואָס האָט כּישוף אים געטאָן.

העי, ציגעלעך, הערט פֿון לידעלע דעם סוף:
ווי יתומימלעך בלאָנדזשען איצט זײַנע בידנע שאָף,
טיף אין טײַכעלע ליגט דאָס פּאַסטעכל נאָך הײַנט
און דאָס מיידעלע זיצט בײַם וואַסערל און וויינט.

# העי, ציגעלעך

מרדכי געבירטיג

**Moderato**



## די געפֿאַלענע

ערגעץ שלאָגט שוין צוויי דער זייגער,
ס׳איז שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט
און קיין גראָשן , קיין פֿאַרדינסטל
האָט ביז איצט זיך נישט געמאַכט.

עפּעס ווײַכן מיך די מענער,
מענער, אָ, איך קען זיי גוט!
וואָס איז ווערט שוין אַ נקבֿה,
ווען זי הוסט און שפּײַט מיט בלוט.

כ׳בין שוין מער פֿאַר זיי קיין סחורה,
יאָלדן, פֿרײַערס וואָס איר זענט!
ס׳בריט פֿון היץ מײַן יונגער קערפּער
און מײַן קוש ווי פֿײַער ברענט.

פֿרעגט אײַך, יאָלדן, מײַן פֿאַרפֿירער,
ער ווייסט, אַז אָט די פֿון גאַס
האָט אַ האַרץ, וואָס בענקט נאָך ליבע,
האָט אַ האַרץ, וואָס ברענט פֿון האַס.

קומט, קומט! כ׳וועל קיין געלט נישט מאָנען,
קומט, קומט, כאָטש אויף איין מינוט!
כ׳וועל אין אײַך אַרײַן זיך בײַסן,
אײַך פֿאַרסמען מיט מײַן בלוט.

ערגעץ טראַכט אַצינד אַ מאַמע:
– וואָס איז מיט מײַן קינד געשען?
בלוט וואָלט גיין פֿון אירע אויגן,
ווען זי וואָלט איר קינד דערזען.

# די געפֿאַלענע

מרדכי געבירטיג



## אַזעלכע צוויי גאָלדענע צעפּ

כ׳בין, ביילקע, פֿאַרצײַונג דיך בעטן געקומען,
כ׳בין שרעקלעך אין צאָרן געווען –
כ׳האָב שיר וואָס נישט נעכטן אַ האַרצשלאָג באַקומען,
ווען כ׳האָב אָן די צעפּ דיך דערזען.

און דאָך וויל איך, ביילקע, דו זאָלסט מיר דערקלערן,
מעגסט ווידער מיר ווײַזן די טרעפּ,
ווי פֿאַלסטו אויס פּלוצלונג אַראָפּ זיך צו שערן
אַזעלכע צוויי גילדענע צעפּ.

גיב, ביילקע, איך בעט דיך, אַ קוק נאָר אין שפּיגל,
און זאָג מיר, צי זעסטו נישט אויס
אַזוי ווי אַ טײַבל מען שנײַדט אָפּ די פֿליגל,
גלײַך ווי פֿון שפּיטאָל וואָלסט אַרויס.

דער רוח זאָל שוין נעמען די פֿינצטערע מאָדע,
וואָס פּלאָגט און פֿאַרדרייט אײַך די קעפּ,
אָט ליגן ווי מתים פֿאַרפּאַקט אין קאָמאָדע
אַזעלכע צוויי גילדענע צעפּ.

# אַזעלכע צוויי גאָלדענע צעפּ

מרדכי געבירטיג



## דאָס לידל פֿון גאָלדענעם לאַנד

אוי, נעם גוטער קלעזמער, דײַן פֿידל אין האַנט
און שפּיל מיר דאָס לידל פֿון גאָלדענעם לאַנד.
אַמאָל פֿלעגט מײַן מאַמע מיט האַרץ און געפֿיל
דאָס לידל מיר זינגען. אוי, שפּיל עס מיר, שפּיל!

און הער איך דאָס לידל, דאַן שוועבט פֿאַר מיר באַלד
מײַן טײַערע  מאַמע, איר ליבלעך געשטאַלט;
איר האַרציקער שמייכל, איר צערטלעכער בליק–
זיי וועקן מיר אויף מײַן פֿאַרגאַנגענעם גליק.

און הער איך דאָס לידל, דערזע איך, אָט שטייט
מײַן מאַמע זי מאַכט מיר מײַן וויגעלע גרייט.
און כ׳פֿיל אויף מײַן שטערן איר דאַרינקע האַנט–
זי זינגט מיר דאָס לידל פֿון גאָלדענעם לאַנד.

אַמאָל איז געווען אין אַ גאָלדענעם לאַנד
אַ קלוגער בן-יחיד, אַ שיינער בריליאַנט –
זי זינגט און עס טיקטאַקט דעם זייגערס אומרו
און ס׳וויגעלע הוידעט זיך – איַי-ליו-ליו-ליו.

און הער איך דאָס לידל, דאָס זיסע געזאַנג,
דאַן ווערט אויפֿן האַרץ אַזוי אומעטיק באַנג–
און ס׳ווילט זיך, ווי די מאַמע מיט האַרץ און געפֿיל,
דאָס לידל מיר זינגען – אוי, שפּיל עס מיר, שפּיל!

# דאָס לידל פֿון גאָלדענעם לאַנד

מרדכי געבירטיג



## קלײנער יתום

ווײן נישט, ווײן נישט, קלײנער יתום!
שפּאָר די טרערן כאָטש דיך קוועלט,
ווײַל דאָס לעבן האָט נאָר צרות,
אוי, ווי שלעכט, ווען טרערן פֿעלט.

שפּאָר די טרערן, ווי בריליאַנטן,
ווערסט אַמאָל זײ דאַרפֿן זײער—
ווען דײַן הערצל גײט שוין איבער,
לאָז פֿון אויג אַרויס אַ טרער.

שלאָף שוין, שלאָף שוין, קלײנער יתום,
צי נישט מער אַרויס מײַן בלוט—
ס׳וועט דער הונגער דיך נישט קוועלן,
ווערסט אין שלאָף זיך פֿילן גוט.

ס׳וואָלט גאָר אפֿשר זײַן פֿיל בעסער
דיר, מײַן יתום, און אויך מיר,
דו זאָלסט אײביק-אײביק שלאָפֿן,
איך דײַן מאַמע לעבן דיר.

ווײן נישט, ווײן נישט, קלײנער יתום!
אוי, ווי שלעכט, ווען ס׳פֿעלט אַ טרער,
ווען דאָס האַרץ איז פֿול מיט לײדן
און די אויגן זענען לער.

# קליינער יתום

מרדכי געבירטיג



## די נאַכט קומט אָן צו שוועבן

ווידער איז אַ טאָג אַוועק,
די נאַכט קומט אָן צו שוועבן,
נענטער מיט אַ טאָג צום ברעג,
ווּ ס׳ענדיקט זיך דאָס לעבן;
ווידער איז אַ נאַכט פֿאַרבײַ,
ס׳איז ווידער טאָג געוואָרן,
אַזוי יאָגן זיך די צוויי
שוין לאַנגע לאַנגע יאָרן.

אַזוי יאָגן זיך די צוויי,
נישט מער צוריק זיך קערן,
מיט אַ זיפֿץ באַגלייט איך זיי,
און קוק זיי נאָך מיט טרערן—
אין זיי פֿליען, גלײַך פֿון זיי
וויל קיינער זײַן דער צווייטער,
ס׳קומען טעג אין נעכט אויפֿסנײַ
אַ בליק און לויפֿן ווײַטער.

אַזוי פֿליען אָן שום ציל
די טעג שוין לאַנגע יאָרן,
פֿון דעם נאַריש ווילדן שפּיל
שוין אַלט און קראַנק געוואָרן.
ווי לאַנג נאָך, איר נעכט און טעג,
וועט איר זיך אַזוי יאָגן?
מאַכט אַ סוף שוין צום געיעג,
כ׳קענ׳ס לענגער נישט פֿאַרטראָגן.

# די נאַכט קומט אָן צו שוועבן

מרדכי געבירטיג

**Andantino**



## הונגעריק דײַן קעצעלע

שלאָף שוין, מײַן הונגעריק מײדעלע,
מאַך שוין די אײגעלעך צו,
הונגעריק איז אויך דײַן מאַמעלע,
און װײנט נישט און שרײַט נישט װי דו.
לערן זיך, קינד, פֿון דײַן מאַמעלע,
נעם אַלץ װי זי נעמט פֿאַר ליב,
מאָרגן ס׳װעט אויפֿשטײן מײַן מײדעלע,
װעט זײַן אַ סך ברויט אין שטוב–
אײַ ליו, ליו, אײַ ליו, ליו, ליו.
שלאָף שוין, מײַן קרוינעניו.

שלאָף שוין, מײַן נאַריש קלײן מײדעלע,
װאָס איז הײַנט עפּעס מיט דיר?
הונגעריק איז אויך דײַן קעצעלע
און ס׳האָט גאָר קײן טענות צו מיר,
הער, װי עס מיאַוקעט, עס רעדט צו דיר:
– מײדל, לאָז מאַמען צורו!
הונגעריק איך אויך, קלײן קעצעלע,
און כ׳װײן נישט אַזוי װי דו–
אײַ ליו, ליו, אײַ ליו, ליו, ליו,
שלאָף שוין, מײַן קרוינעניו!

שלאָף שוין, מײַן אָרעם קלײן מײדעלע,
װײַל דער שלאָף לינדערט די נויט,
הונגעריק איז אויך דײַן ליאַלקעלע
און װײנט נישט און מאָנט נישט קײן ברויט.
לערן זיך, קינד, פֿון דײַן ליאַלקעלע,
װײסט װאָס זי טראַכט אַצינד?
– אוי, װי באַטריבט איז אַ מאַמעלע,
װען הונגעריק איז איר קינד–
אײַ ליו, ליו, אײַ ליו, ליו, ליו,
שלאָף שוין, מײַן קרוינעניו!

# הונגעריק דײַן קעצעלע

מרדכי געבירטיג



# משהלע
(דועט)

משהלע, ביסט עפּעס מיר אַזוי פֿאַרסאַפּעט –
ווער האָט דיר דאָס הענטעלע אַזוי צעדראַפּעט?
האָסט געשלאָגן זיך אין פֿעלד,
ס׳נעזל איז דיר אויך צעקרעלט,
ס׳בלוט נאָך קאַפּעט.

– טאַטעניו, דאָס האָב איך זיך אין הויף בײַם רבין,
פֿאַרריכטנדיק די הייזעלען, אַ שטאָך געגעבן;
נישט געשלאָגן זיך אין פֿעלד–
מיט דער נאָדל צעקרעלט,
כ׳זאָל אַזוי לעבן!

– משהלע, וואָס איז געשען? איך מוז דאָס וויסן–
ווער האָט דיר די הייזעלעך אַזוי צעריסן?
עפּעס ביסטו מיר פֿאַרוויינט–
אפֿשר האָט דער רבי הײַנט
דיך געשמיסן?

– טאַטעניו, דער רבי האָט מיך נישט געשמיסן,
מײַנע הייזלעך ווייס איך נישט ווער ס׳האָט צעריסן.
מיר געזאָגט האָט מאָטעלע,
ער האָט זיך ס׳קאַפּאָטעלע
אויך צעריסן.

– משהלע, דעם אויגן-בליק אַהער צום טאַטן!
דו האָסט זיך, מײַן ייִנגעלע, אַליין פֿאַרראַטן.
דיר געזאָגט שוין ס׳איז נישט פֿײַן
מאָטל זאָל דײַן חבֿר זײַן,
גענאַרסט דעם טאַטן.

– טאַטעניו, כ׳האָב נישט געוואָלט מיט אים זיך שפּילן,
נו האָט ער געגעבן מיר זײַן זיידנס ברילן,
אים דערפֿאַר האָב איך געשענקט
ס׳פֿידעלע, וואָס ד׳האָסט געברענגט,
כ׳זאָל ד׳רויף שפּילן.

– משהלע, ביסט אומפֿאַרשעמט, דו וועסט דאָס פֿילן,
כ׳וויל דו זאָלסט מיט מאָטעלען זיך מער נישט שפּילן,
ס׳פֿידעלע דעם אויגן-בליק,
ברענגען זאָלסטו מיר צוריק,
גיב אָפּ די ברילן.

– טאַטעניו, כ׳האָב׳ס צ׳ריק געוואָלט, ער וויל נישט וויסן,
האָבן מיר זיך ביידע הײַנט צעקרעלט, צעביסן.
מײַן הויז צעפֿליקט האָט מאָטעלע
און איך האָב אים ס׳קאַפּאָטעלע
אויך צעריסן.

# משהלע

(דועט)

מרדכי געבירטיג

**Moderato**



## אַרבעטלאָזער-מאַרש

איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר,
אַרבעטלאָזע זענען מיר,
נישט געהערט חדשים לאַנג
אין פֿאבריק דעם האַמער-קלאַנג,
ס׳ליגן כּלים קאַלט, פֿאַרגעסן,
ס׳נעמט דער זשאַווער זיי שוין פֿרעסן,
גייען מיר אַרום אין גאַס,
ווי די גבֿירים פּוסט-און-פּאַס,
ווי די גבֿירים פּוסט-און-פּאַס.

איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר,
אַרבעטלאָזע זענען מיר,
אָן אַ בגד, אָן אַ היים,
אונדזער בעט איז ערד און ליים,
האָט נאָך ווער וואָס צו געניסן,
טיילט מען זיך מיט יעדן ביסן,
וואַסער, ווי די גבֿירים ווײַן,
גיסן מיר אין זיך אַרײַן,
גיסן מיר אין זיך אַרײַן.

איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר,
אַרבעטלאָזע זענען מיר,
יאָרן לאַנג געאַרבעט שווער,
און געשאַפֿט אַלץ מער און מער
הײַזער, שלעסער, שטעט און לענדער
פֿאַר אַ הײַפֿעלע פֿאַרשווענדער,
אונדזער לוין דערפֿאַר איז וואָס?
הונגער, נויט און אַרבעטלאָז,
הונגער, נויט און אַרבעטלאָז.

איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר,
אָט אַזוי מאַרשירן מיר,
אַרבעטלאָזע, טריט נאָך טריט
און מיר זינגען זיך אַ ליד
פֿון אַ לאַנד, אַ וועלט אַ נײַע,
ווּ עס לעבן מענטשן פֿרײַע,
אַרבעטלאָז איז קיין שום האַנט,
אין דעם נײַעם פֿרײַען לאַנד,
אין דעם נײַעם פֿרײַען לאַנד.

# אַרבעטלאָזער-מאַרש

מרדכי געבירטיג

**Allegretto**



## אַן אַרבעטלאָזער

אָט דריי איך אַזוי זיך שוין וואָכן, חדשים
אַרום אין די גאַסן ביז ס׳פֿאַלט צו די נאַכט,
און זיך אַלץ אַ מיטל, כ׳זאָל קענען פֿאַרגעסן,
אַז איך וועל, ווי נעכטן, הײַנט ווידער נישט עסן,
נו, גיי איך אַזוי זיך און קלער אַלץ און טראַכט.

נו, פֿאַלט מיר אײַן פּלוצלונג, כ׳וועל ציילן די הײַזער,
די קראָמען, די קונים וואָס גייען אַרײַן,
כּדי נישט צו פֿילן דעם ווייטיק אין מאָגן,
ווי עפּעס אַ וואָרעם האַלט דאָרט אין איין נאָגן—
אַ זעלטן גוט מיטל וועט דאַכט זיך דאָס זײַן.

נאָר ווי אויף להכעיס, דעם שטנס אַ שפּיצל,
אַ קרעמל פֿון עסנוואַרג ווי נאָר אַ הויז,
און ס׳ווינקען זייער תּאַווהדיק, רייצן און ציען,
ווי מיידלשע אויגן וואָס ברענען און גליען,
די פֿרישינקע זעמל פֿון קוישן אַרויס.

נו, שטיי איך אַזוי זיך און עס מיט די אויגן
די זעמל, און כ׳פֿיל ווי מיר וואַסערט אין מויל,
נו, זוך איך אַ מיטל, כ׳זאָל קענען פֿאַרגעסן,
אַז איך וועל, ווי נעכטן, הײַנט ווידער נישט עסן,
און אַלץ אין מיר ציטערט פֿון אימה און גרויל.

נו, פֿאַלט מיר אײַן פּלוצלונג, כ׳וועל הינט אין גאַס ציילן,
פֿאַראַן הינט, וואָס שפּרינגען פֿון ווילטאָג אַרום,
באַפּוצט און באַהאָנגען מיט מאַרקעס און גלעקלעך;
פֿאַראַן הינט פֿאַרדאַרטע וואָס קוקן אויס שרעקלעך,
וואָס דרייען זיך הונגעריק הפֿקר אַרום.

נאָר ווי אויף להכעיס, שוין ווידער דער שטן,
אַ הונט שטייט און גריזשעט אַ טרוקענעם ביין,
און אָט קומט אַ צווייטער, זיי נעמען זיך בײַסן,
ס׳וויל איינער בײַם צווייטן דעם ביין אַרויסרײַסן,
נו, שטיי איך און שמייכל און קריץ מיט די ציין.

# אַן אַרבעטלאָזער

מרדכי געבירטיג



## ס׳איז גוט

ס׳איז גוט, ס׳איז גוט, ס׳איז גוט,
די ייִדעלער שרײַען: ס׳איז גוט,
דער שונא, דער ווילדער,
גייט גרויזאַם און שנעל–
און ווי נאָר ער קומט,
ווערט פֿון לעבן אַ תּל,
און ייִדעלער שרײַען: ס׳איז גוט,
און ייִדעלער קוועלן – ס׳איז גוט,
ס׳איז וואויל, ס׳איז פֿײַן,
ס׳קען בעסער נישט זײַן.

ס׳איז גוט, ס׳איז גוט, ס׳איז גוט,
די ייִדעלער שרײַען: ס׳איז גוט,
דער שונא גייט פֿאָרויס,
מיט בלוט און מיט שאַנד–
און שלינגט אײַן טאָג טעגלעך
אַ לאַנד נאָך אַ לאַנד,
ס׳איז וואויל, ס׳איז פֿײַן,
ס׳איז וואויל, ס׳איז פֿײַן,
ס׳איז וואויל, ס׳איז פֿײַן,
וואָס מער ער שלינגט אײַן.

ס׳איז גוט, ס׳איז גוט, ס׳איז גוט,
די ייִדעלער שרײַען: ס׳איז גוט,
דער שונא פֿרעסט לענדער
און נעמט אָן אויפֿהער,
דער מאָגן אַ פֿולער
פֿאַרנעמט שוין נישט מער–
און ייִדעלער שרײַען: ס׳איז גוט,
און ייִדעלער קוועלן – ס׳איז גוט,
ס׳איז וואויל, ס׳איז פֿײַן,
זײַן מאָגן נישט ריין.

ס׳איז גוט, ס׳איז גוט, ס׳איז גוט,
די ייִדעלער שרײַען: ס׳איז גוט,
דער שונא אייראָפּע האָט
האַלב שיין באַזעצט
און האַלט אין איין נעמען.
דער בויך אים שיעור פּלאַצט,
און ייִדעלער שרײַען: ס׳איז גוט,
און ייִדעלער קוועלן – ס׳איז גוט,
און ייִדעלער קוועלן – ס׳איז גוט,
ס׳קען מער נישט אַרײַן.

ס׳איז גוט, ס׳איז גוט, ס׳איז גוט,
די ייִדעלער שרײַען: ס׳איז גוט,
דער שונא פֿון נעמען
איז מיד שוין און קראַנק,
זיך איבערגעפֿרעסן
און האָט קיין אויסגאַנג–
און ייִדעלער שרײַען: ס׳איז גוט,
און ייִדעלער קוועלן – ס׳איז גוט,
און ייִדעלער שרײַען: ס׳איז גוט,

זײַן סוף װעט באַלד זײַן.
אמן ...

קראָקע-געטאָ, מאַי 1942

# ס´איז גוט

מרדכי געבירטיג

**Allegro**



## מינוטן פֿון בטחון

ייִדן! זאָל זיין פֿריילעך!
שוין נישט לאַנג, איך האָף
ס׳עקט באַלד די מלחמה,
עס קומט באַלד זייער סוף.
פֿריילעך! נאָר נישט זאָרגן
און נישט אַרומגיין טריב,
האָט געדולד, בטחון—
און נעמט אַלץ אָן פֿאַר ליב ...

נאָר געדולד, בטחון,
נישט לאָזט אַרויס פֿון האַנט,
אונדזער אַלט כּלי זין,
וואָס האַלט אונדז נאַר באַנאַנד.
הוליעט, טאַנצט תלינים!
שוין נישט לאַנג, איך האָף—
געווען אַמאָל אַ המן
עס וואַרט אויף אים זײַן סוף.

הוליעט! טאַנצט תּלינים,
ליידן קען אַ ייִד,
ס׳וועט די שווערסטע אַרבעט
אונדז קיין מאָל מאַכן מיד.
קערן? זאָל זײַן קערן!
כּל-זמן איר וועט זײַן,
איז אומזיסט דאָס קערן,
ס׳וועט דאָ נישט ווערן ריין ...

וואַשן? זאָל זײַן וואַשן!
קינס רויטער פֿלעק
הבֿלס בלוט פֿון האַרצן
דאָס וואַשט זיך נישט אַוועק ...
טרײַבט אונדז פֿון די דירות!
שנײַדט אָפּ די בערד!
ייִדן! זאָל זײַן פֿריילעך! ...
מיר האָבן זיי אין דרערד ...

קראָקע, 2 אָקטאָבער 1940

# מינוטן פֿון בטחון

מרדכי געבירטיג



## בלומקע, מײַן זשידווקע
(דועט)

בלומקע, מײַן זשידווקע,
אַך, זײַ פֿון גאָט געזעגנט,
האָסטו אפֿשר מײַנע ציגעלעך
ערגעץ ווּ באַגעגנט?
– כ׳האָב זיי, ליבער סטאַכו,
אין ערגעץ נישט געטראָפֿן,
אוי, ווען הײַנט דײַן בייזער טאַטקע
דיך דערפֿאַר באַשטראָפֿן.

– געחלומט פֿון דיר, סערצע,
געזען אין פֿעלד דיך ליגן,
פּלוצלונג קוק איך, אַך, ווּ זענען
מײַנע ווײַסע ציגן?
– אפֿשר, ליבער סטאַכו,
ס׳איז אַנדערש נישט צו קלערן,
זענען זיי אין וואַלד פֿאַרקראָכן–
אוי, דאָרט ווינען בערן!

– באָזשע! אַך, מײַן בלומקע,
וואָס זאָל איך איצט באַגינען,
נישט געהיטן מײַנע ציגעלעך,
דיך געהאַט אין זינען.
– זײַ קיין נאַר מײַן סטאַכו,
נישט דיר באַשערט איז בלומקע,
ליבער, נעם אַרויס דײַן פֿײַפֿל,
שפּיל מיר אויף אַ דומקע.

– כ׳וועל מײַן טאַטנס קרווקע
און אַלץ וואָס כ׳האָב פֿאַרקויפֿן,
לאָמיר ביידע, שיינע בלומקע,
ערגעץ ווײַט אַנטלויפֿן.
– זײַ קיין נאַר, מײַן סטאַכו,
אוי, נישט פֿאַרקויף די קרווקע!
זוך דיר אויף אין דאָרף אַ גויקע–
איך בין אַ זשידווקע!

רויטלעך שוין דער הימל,
די זון פֿאַרגייט פּאַוואָליע,
אַך, ווּ זענט איר, מײַנע ציגעלעך,
קומט באַווײנט מײַן דאָליע.

# בלומקע, מײַן זשידוווקע

(דועט)

מרדכי געבירטיג



## שוין שטיל איז אין געסל

שוין שטיל איז אין געסל,
פֿאַרמאַכט שוין אַלע קראָמען,
דער זייגער שלאָגט ערגעץ אויס שוין נײַן,
ער זאָגט מיר אָן די בשורה,
אַז באַלד אַראָפּ וועט קומען
מײַן טײַער שרהלע, געזונט זאָל זי מיר זײַן.

אָט זע איך איר שאָטן
אין שטוב אַרום שוין שפּרינגען,
זי אײַלט זיך, אָט עפֿנט זי די טיר,
שוין הער איך איר געלעכטער,
ווי ס׳וואָלטן גלעקלעך קלינגען,
און אָט שטייט מײַן שרהלע אַ פֿריילעכע פֿאַר מיר.

– כ׳בין הײַנט טאַקע פֿריילעך,
ס׳וועט יאָסל זיך אויך פֿרייען,
כ׳האָב שוין מײַן אויסשטײַער אויפֿגעגנייט,
נאָך מעבל און אַ דירה,
און דאַן נעם איך זיך נייען
צו אונדזער חתונה מײַן אייגן חופּה-קלייד.

– און דאַן צו דער חופּה –
ס׳איז ליכטיק ווי בײַ שררים,
נאָך איין אויגנבליק צום הרי-אַתּ,
און דאַן דאָס מצווה-טענצל –
אַ פֿריילעכס שפּילט, קלעזמאָרים!
כ׳האָב מיט מײַן שרהלען שוין חתונה געהאַט.

– און דאַן וועט מײַן יאָסל
אויף אויסהאַלטונג פֿאַרדינען,
און איך וועל חוץ נייען פֿירן ס׳הויז,
– און שרהלע מײַן ווײַבל
צום יאָר מיר געווינען
אַ טײַער ייִנגעלע אים האַלטן אויף מײַן שויס.

און זינגענדיק דאָס לידל
פֿון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
וועל קוקן ווי ס׳ייִנגעלע שלאָפֿט אײַן,
אַ וויגעלע, מײַן שרהקע,
אַ שיינס וועל איך אויסהאַנדלען,
ווי בײַ דעם גרעסטן גבֿיר אַ וויגעלע מוז זײַן.

– דו האַנדלסט שוין אַ וויגל,
פֿאַרגעסן האָסט אַ פּנים,
מיר האָבן נאָך נישט, יאָסעלע דו מײַן,
קיין מעבל און קיין דירה,
מיר זענען צוויי קבצנים,
כ׳מיין אונדזער חתונה וועט אַזוי גיך נישט זײַן.

# שוין שטיל איז אין געסל

מרדכי געבירטיג



## אַבֿרהמעלע און יאָסעלע

אַבֿרהמעלע, גיב נאָר אַ קוק,
די זון, ווי שיין זי שײַנט!
ווי אַלץ אין פֿעלד שוין וואַקסט און בליט,
כ׳האָב עפּעס זייער קיין חשק ניט
צו גיין אין חדר הײַנט–
די זון ווי שיין זי שײַנט.

– אוי, יאָסעלע, ווי כ׳בין אַ ייִד!
איך טראַכט דאָס אויך אַצינד,
ווי פֿריילעך איז דאָ איצט, ווי שיין,
עס ווילט זיך נישט אין חדר גיין,
נאָר ווייסט, דאָס איז אַ זינד,
איך טראַכט דאָס אויך אַצינד.

אַבֿרהמעלע, דו זעסט אין פֿעלד
אַ בין פֿליט שוין אַרום?
און דאָרט שטייט אויף אַ צווײַגעלע
אַ גאָלדן זומער-פֿייגעלע.
אַבֿרהמל, גיכער קום!
אַ בין פֿליט שוין אַרום.

כ׳זע, יאָסעלע, ווי כ׳בין אַ ייִד,
נאָר וואַרט נאָך איין מינוט,
דאָס פֿייגעלע איז טאַקע שיין,
נאָר וואָס וועט אָבער מאָרגן זײַן,
דעם רבין קענסטו גוט ...
אוי, וואַרט נאָך איין מינוט.

– אַבֿרהמעלע, אוי, נאַרעלע,
פֿאַר מאָרגן זאָרג זיך ניט
תּירוצים איז פֿאַראַן גענוג,
מען דאַרף נאָר זײַן אַ ביסל קלוג–
זע, ס׳פֿייגעלע איצט פֿליט!
פֿאַר מאָרגן זאָרג זיך ניט.

– אוי, יאָסעלע, איך וואָרן דיך
נישט גיי, ווי כ׳בין אַ ייִד.
דאָס האָט דער שטן דאָרט אין פֿעלד
זיך אין אַ פֿייגעלע פֿאַרשטעלט,
דאָס שלעפּט ער אונדז און ציט–
נישט גיי, ווי כ׳בין אַ ייִד.

– אַבֿרהמעלע, דו גייסט אַוועק?
נו גיי, איך בלײַב אַליין,
נאָר זאָגסטו אויס אַ וואָרט פֿון מיר,
בײַ מײַן נאמנות שווער איך דיר,
צעברעך איך דיר אַ ביין,
נו גיי, איך בלײַב אַליין.

# אַבֿרהמעלע און יאָסעלע

מרדכי געבירטיג

**Andante**



## כ׳וויל נישט אַזאַ חתן

ברענגט דער שדכן מיר אַ שידוך,
קוועלן פֿון אים אַלע,
הייסט דער חתן גאָר בנימין,
מיר געפֿעלט נישט אַזאַ נאָמען,
כ׳וויל נישט זײַן זײַן כּלה,
אוי, כ׳וויל נישט זײַן זײַן כּלה.

[רעפֿרען]
אוי ווײ, מאַמעניו!
פֿאַרוואָס גיסטו מיר קיין רו,
כ׳וויל נישט נעמען
אַבי וועמען,
טײַערע מאַמעניו,
אוי, טײַערע מאַמעניו!

ברענגט דער שדכן מיר אַ שידוך,
תּנאים שוין באַשלאָסן,
הייסט ער יאַנקל נאָך זײַן זיידן,
כ׳קען דעם נאָמען אויך נישט ליידן,
כ׳וויל נישט אַזאַ חתן.

[רעפֿרען]
אוי, ווײ, מאַמעניו ! ...

ברענגט דער שדכן מיר אַ חתן,
זאָגט ר׳איז גאָר אַ שררה,
הייסט ער נעבעך שלמה-זישע,
רעדט נאָר ייִדיש, פֿע, אַ בושה!
כ׳וויל נישט אַזאַ צרה,
אוי, כ׳וויל נישט אַזאַ צרה

[רעפֿרען]
אוי, ווײ, מאַמעניו ! ...

ברענגט דער שדכן מיר אַ חתן,
אַן אויסנאַם פֿון אַלע,
הייסט ער וולאַדעק, נאָר אַ צרה–
וולאַדעקס מאַמע הייסט אויך שרה
פּונקט ווי איך זײַן כּלה –
אוי, וויל זי נישט די כּלה.

[רעפֿרען]
אוי, ווײ, מאַמעניו,
שיקט שוין גאָט מיר איינעם צו,
טרעפֿט אַ צרה,
הייס איך שרה,
ווײ מיר, מאַמעניו,
אוי, טײַערע מאמעניו.

# כ׳וויל נישט אַזאַ חתן

מרדכי געבירטיג



# איך האָב דיך ליב

איך האָב דיך ליב, עס פֿעלן ווערטער מיר,
מײַן שטאַרקע ליבע אַרויסצוזאָגן דיר,
איך האָב דיך ליב, דאָך שעלט איך דעם מאָמענט
אין יענעם טאָג, ווען איך האָב דיך דערקענט,
דיך האָט געבענטשט מיט שיינקייט די נאַטור,
ביסט זייער אַ שיינע, גראַציעז איז דײַן פֿיגור,
וואָס נוצט אַ בלום, וואָס זעטיקט ס׳אויג נאָר בלויז,
אַ בלום וואָס גיט קיין דופֿט פֿון זיך אַרויס.

[רעפֿרען]
איך האָב דיך ליב, עס פֿעלן ווערטער מיר,
מײַן שטאַרקע ליבע אַרויסצוזאָגן דיר,
איך האָב דיך ליב, דאָך שעלט איך דעם מאָמענט
אין יענעם טאָג, ווען איך האָב דיך דערקענט.

איך האָב דיך ליב, דאָך ביסטו נישט פֿאַר מיר,
דיר פּאַסט אַ חתן אַ רײַכער קאַוואַליר,
וואָס איז בלויז גוף און פּוסט אַזוי ווי דו,
און האָט אַן אויטאָ, אַ שאָפֿער אויך דערצו,
און געלט אַ סך, ביסט דאָך פֿאַרליבט אין געלט,
וועסט קענען קויפֿן זיך אַלץ וואָס דיר געפֿעלט,
און נאָר דערפֿאַר האָסטו קיין האַרץ צו מיר,
איך האָב רחמנות, רחמנות,אויף דיר.

[רעפֿרען]
איך האָב דיך ליב, עס פֿעלן ווערטער מיר,
מײַן שטאַרקע ליבע אַרויסצוזאָגן דיר,
איך האָב דיך ליב, דאָך שעלט איך דעם מאָמענט
אין יענעם טאָג, ווען איך האָב דיך דערקענט.

איך האָב דיך ליב, כ׳האָב לײַדער נישט געוווּסט,
ווי פֿלאַך דו ביסט, אַך, ווי נאַריש און ווי פּוסט,
ס׳הערשט אויף דער וועלט אַן עלנדקייט, אַ נויט,
אַ קאַמף פֿאַר אַרבעט אויף לעבן און אויף טויט,
אַ וויי-געשרײַ נעמט איצט די וועלט אַרום –
דיר ליגט אין זינען נאָר פּודער, שמינק, פּערפֿום,
דער פֿײַנסטער הוט, מאָדערנע קליידער פֿיל,
דאָס איז דײַן חלום, דאָס איז דײַן לעבנסציל.

[רעפֿרען]
איך האָב דיך ליב, עס פֿעלן ווערטער מיר,
מײַן שטאַרקע ליבע אַרויסצוזאָגן דיר,
איך האָב דיך ליב, דאָך שעלט איך דעם מאָמענט
אין יענעם טאָג, ווען איך האָב דיך דערקענט.

# איך האָב דיך ליב

מרדכי געבירטיג



## אוי, ברודערל, לחיים!

טרינק, ברודער, טרינק אויס
דאָס גלעזל ביז צום גרונט,
וועסטו ווערן פֿריש און מונטער,
פֿריילעך און געזונט.

[רעפֿרען]
אוי, ברודערל, לחיים!
טרינק אַ ביסעלע ווײַן,
דאָס פֿאַרטרײַבט די מרה-שחורה,
יעדע זאָרג און פּײַן.

מיר איז אויך ס׳לעבן
אַמאָל געווען אַ לאַסט,
כ׳האָב ווי דו גאָטס נאַריש וועלטל
ווי דעם טויט געהאַסט.

[רעפֿרען]
אוי, ברודערל, לחיים! ...

איצט, ברודער, טרינק איך
און פֿיל זיך פֿריש, געזונט,
ווען מען שלעפּט דעם קראַנקן אײַן,
דאַן שמערצט אים נישט די וווּנד.

[רעפֿרען]
אוי, ברודערל, לחיים! ...

איצט, ברודער, טרינק איך,
און וואָס פֿעלט מיר אַצינד?
כ׳פֿיל זיך גליקלעך ווי אַ קיניג,
פֿריילעך ווי אַ קינד.

[רעפֿרען]
אוי, ברודערל, לחיים! ...

איצט, ברודער, טרינק איך,
און ווען עס רוישט אין קאָפּ,
פֿײַף איך אויף דער גאַנצער וועלט
און טאַנץ מיר האָפּ, האָפּ, האָפּ,
אוי, ברודערל, לחיים!
טרינק אַ ביסעלע ווײַן,
דאָס פֿאַרטרײַבט די מרה-שחורה,
יעדע זאָרג און פּײַן.
אוי, ברודערל, לחיים!
ווען עס רוישט אין קאָפּ,
פֿײַף איך אויף דער גאַנצער וועלט
און טאַנץ מיר האָפּ, האָפּ, האָפּ.

# אוי, ברודערל, לחיים!

מרדכי געבירטיג



## חנהלע און נחומל
(דועט)

חנהלע, מײַן לעבן, חנהלע, דו מײַן,
כ׳וויל דו זאָלסט דאָס רעטעניש
מיר געבן צו פֿאַרשטיין–
ווען דו קומסט מיר אויפֿן זינען,
מעגן רוישן די מאַשינען,
מעג דאָס ביגלאײַזן ווערן קאַלט,
האָב איך אַזוי ליב און גערן
שעהן לאַנג פֿון דיר צו קלערן,
כ׳זע פֿאַר מיר דײַן טײַער ליב געשטאַלט.

– נחומל, מײַן לעבן, נחומל, דו מײַן,
איך וועל באַלד דאָס רעטעניש
דיר געבן צו פֿאַרשטיין:
דאָס באַווײַזט דו האָסט מיך גערן,
דאָך בײַם נייען פֿון מיר קלערן,
דאָס וועט נישט קיין טובֿה זײַן פֿאַר מיר,
ווען פֿאַרנעמען כ׳וועל דײַן זינען,
וועסטו קוים אויף ברויט פֿאַרדינען,
און איך וועל דאַן הונגערן בײַ דיר.

– חנהלע, מײַן לעבן, חנהלע, דו מײַן,
וואָס איז פֿאַר אַן ענטפֿער,
איך קען דיך נישט פֿאַרשטיין:
כ׳רעד פֿון ליבע, מיטן דרינען
קומסטו וועגן ברויט פֿאַרדינען,
אויב דו שרעקסט אַזוי זיך פֿאַר דער נויט,
וועל איך קויפֿן צוויי מאַשינען,
דו וועסט העלפֿן מיר פֿאַרדינען
און זײַ זיכער, ס׳וועט זײַן תּמיד ברויט.

– נחומל, מײַן לעבן, נחומל, דו מײַן,
האָסט זיך איצט באַקומען,
איך קען דיך שוין פֿאַרשטיין–
וועסט בײַ מיר דאָס נישט אויספֿירן,
כ׳וויל בײַ דיר זיך נישט רויִנירן,
שוין גענוג געפּלאָגט זיך און גענייט!
כ׳וויל פֿאַסטריגעס מער נישט ציען,
יונגערהייט בײַ דיר פֿאַרבליִען,
איך וויל לעבן און געניסן פֿרייד.

– חנהלע, מײַן לעבן, חנהלע, דו מײַן,
האָסט אַצינד שוין טענות,
וואָס וועט דערנאָכטן זײַן–
געלט, נאָר געלט וועסטו באַגערן
און דאָס לעבן מיר צעשטערן,
ווען פֿאַרדינען כ׳וועל נישט אַזוי פֿיל
דאָ אַ הוט און דאָ אויף קליידער–
און איך בין דאָך נאָר אַ שנײַדער,
כ׳זע אַרויס ס׳וועט זײַן אַ טרויעריק שפּיל.

– נחומל, מײַן לעבן, נחומל, דו מײַן,
ביסט געווען מײַן חתן,
מײַן מאַן וועסטו נישט זיין.

# חנהלע און נחומל

מרדכי געבירטיג



## די ליאַלקע

קום, שלמהלע ליבער, נעם ס׳וויגל מיט זיך,
מיר וועלן זיך שפּילן אַצינד.
דו וועסט זײַן דער טאַטע, די מאַמעניו איך,
די ליאַלקע וועט זײַן אונדזער קינד.

דו וועסט אַהיים קומען, נישט ברענגען קיין געלט,
און איך וועל זיך קריגן מיט דיר:
אוי, גזלן! דאָס קינד נעבעך ציטערט פֿון קעלט
און דו קויפֿסט קיין שיכלעך פֿאַר איר.

דו וועסט אַהיים קומען פֿאַרזאָרגט און פֿאַרטראַכט
און איך וועל מיט כּעס צו דיר צו:
אוי, גזלן! דאָס קינד נעבעך הונגערט און שמאַכט,
אוי, וואָס פֿאַר אַ טאַטע ביסטו!

און וועט דאָס קינד וויינען, ס׳וועט הונגעריק זײַן,
אין שטוב נישט קיין ברויט, נישט קיין געלט,
נו וועל איך עס שעלטן: אַ מיתה נעם אײַן!
אַזוי ווי מײַן מאַמע מיך שעלט.

# די ליאַלקע

מרדכי געבירטיג



# מאָטעלע
(דועט)

וואָס וועט דער סוף זײַן, מאָטל, זאָג-זשע מיר?
ביסט ערגער נאָך פֿון פֿריער געוואָרן,
באַקלאָגט האָט זיך דער רבי הײַנט אויף דיר,
אַז דו דערגייסט אים זײַנע יאָרן.
ס׳איז נישט גענוג דו ווילסט נישט לערנען גאָר,
דעם רבין נעבעך טוסט דערצערנען,
שלאָגסטו זיך אַרום און שפּילסט זיך נאַר,
און שטערסט די קינדערלעך דאָס לערנען?

– נישט אמת, טאַטע, וואָס דער רבי זאָגט,
אַ שלעכטער מענטש, נישטאָ זײַן גלײַכן,
פֿאַרוואָס דערציילט ער נישט, ווי ער אונדז שלאָגט,
זע, טאַטעניו, דעם בלאָען צייכן.
כ׳האָב מיט אַבֿרהמלען זיך צעווערטלט בלויז,
ער האָט מײַן חומשל צעריסן,
דערפֿאַר האָט אונדז דער רבי אויף זײַן שויס
נאָך מיט אַ ניגונדל געשמיסן.

– וואָס וועט דער סוף זײַן, מאָטל? ענטפֿער דרויף:
די שכנים זאָגן, כ׳מוז זיי גלויבן,
דו יאָגסט זיך גאַנצע טעג אַרום אין הויף,
און חבֿרסט זיך מיט יאַנעקס טויבן,–
צי איז דאָס שיין פֿאַר ייִדן, זאָג אַליין,
מיט טויבן זיך אַרום צו יאָגן?
האָסט נעכטן, מאָטל, ווידער מיט אַ שטיין
דעם שכנס שויבן אויסגעשלאָגן?

– נישט אמת, טאַטע, ס׳איז נאָר קוים אַרויס
אַ שטיקל שויב, מען קען׳ס צוקלעבן.
איך יאָג זיך נישט, איך קוק זיך צו נאָר בלויז,
ווי שיין די טײַבעלעך זיך שוועבן,
ווי פֿרײַ זיי שפּרינגען זיך אַרום אין הויף,
ווי שיין די קערנדלעך זיי פּיקן,
ווי שנעל זיי גיבן זיך אַ לאָז אַרויף,
ווען זיי אַ פֿרעמדע טויב דערבליקן.

– וואָס וועט דער סוף זײַן, מאָטל, כ׳פֿרעג דיך נאָר?
אַ גרויסער יונג, קיין עין-הרע.
ווען איך בין אַלט געווען דרײַצן יאָר,
געקענט ווי וואַסער די גמרא,
אַ ייִד מוז לערנען תּורה מיט גרויס פֿרייד,
נישט האָבן נאַרישקייט אין זינען–
אַז וויל דעם מענטש, וואָס איז צו גאָט, צו לייט,
וואָס קען גוט לערנען און געלט פֿאַרדינען.

– דער זיידע האָט אַמאָל דערציילט פֿון דיר,
פֿלעגסט אויך נאָך טײַבעלעך זיך יאָגן,
ביסט אויך פֿיל בעסער נישט געווען פֿון מיר,
דײַן רבי האָט דיך אויך געשלאָגן,
הײַנט קענסטו לערנען און האָסט געלט דערצו,
האָב, טאַטעניו, פֿאַר מיר קיין מורא,
ווען איך וועל ווערן גרויס, וועל איך, ווי דו,
פֿאַרדינען געלט און לערנען תּורה.

# מאָטעלע

(דועט)

מרדכי געבירטיג



## נאָך אַ גלעזעלע טיי
(דועט)

בערעלע, מײַן ליבינקער,
כ׳האָב צו דיר אַ בקשה,
– פּערעלע, מײַן ליבינקע,
וואָס איז דײַן בקשה?
– ווען מיט מזל איך וועל האָבן
אַ ייִנגעלע אין פֿריידן,
וויל איך אונדזער קינד זאָל הייסן
נאָך מײַן פֿרומען זיידן.

– פֿאַרוואָס עפּעס נאָך דײַן זיידן?
כ׳האָב דאָך אויך אַ דעה,
האָסט דאָך ערשט געהאַט אַ מיידל
נאָך דײַן באָבע לאה.

– בערעלע, מײַן מאַנעלע,
כ׳וויל דיך עפּעס דערמאַנען–
– פּערעלע, מײַן ווײַבעלע,
וואָס ווילסטו מיך דערמאַנען?
– דו פֿאַרגעסט, אַז אונדזער לייבקע
הייסט שוין נאָך דײַן זיידן,
פֿאַרוואָס קלויבסטו זיך די יונגען,
וואַרפֿסט מיר צו די מיידן?

– און דו פֿאַרגעסט, אַז נאָך דײַן טאַטן
הייסט דאָך אונדזער נחום,
ער איז דערפֿאַר אין אים געראָטן–
נישט קיין גרויער חכם.

– בערעלע, מײַן טײַערער,
כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן –
– פּערעלע, מײַן טײַערע,
וואָס ווילסטו מיר זאָגן?
– וואָס-זשע דאַרף מען איצט זיך קריגן,
לאָמיר נאָר דערלעבן,
וועל איך דווקא נאָך מײַן זיידן
ס׳קינד אַ נאָמען געבן.

– וואָס-זשע טאַקע איצט זיך קריגן
און אומזיסט צו ריידן,
אפֿשר וועט גאָר זײַן אַ צווילינג–
ס׳קען גאָר זײַן צוויי מיידן.

# נאָך אַ גלעזעלע טיי

(דועט)

מרדכי געבירטיג



## שלמהלע ליבער

שלמהלע ליבער, כ׳וויל ענדלעך וויסן,
זאָג מיר דעם אמת, וואָס איז מיט דיר?
עפּעס אַ סוד דאַכט זיך פּלאָגט דײַן געוויסן,
גייסט אַרום אומעטיק, ברוגז אויף מיר.

[רעפֿרען]
שלמהלע ליבער, שלמהלע מײַן,
זאָג מיר דעם אמת, צי דאַרף אַזוי זײַן.

שלמהלע ליבער, זאָג מיר גאַנץ אָפֿן,
אין וואָס דײַן זאָרג, דײַן אומעט באַשטייט?
האָט אפֿשר ביילקע דיך ווידער געטראָפֿן
און מיט איר נדן דעם קאָפּ דיר פֿאַרדרייט?

[רעפֿרען]
שלמהלע ליבער, שלמהלע מײַן,
זאָג מיר דעם אמת, צי דאַרף אַזוי זײַן.

שלמהלע ליבער, קענסט זיך דערמאַנען
וואָס ערשט נישט לאַנג געזאָגט האָסטו מיר?
אין אַ קליין שטיבל, נאָר מיט דיר צוזאַמען,
וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט דאָס לעבן אָן דיר.

[רעפֿרען]
שלמהלע ליבער, שלמהלע מײַן,
זאָג מיר דעם אמת, צי דאַרף אַזוי זײַן.

שלמהלע ליבער, דאַרפֿסט זיך נישט שעמען,
זאָג מיר דעם אמת, זײַ נישט פֿאַרשטעלט,
האָסטו ליב ביילקען, צי ווילסטו זי נעמען
בלויז נאָר דערפֿאַר, ווײַל עס רייצט דיך איר געלט?

[רעפֿרען]
שלמהלע ליבער, שלמהלע מײַן,
זאָג מיר דעם אמת, צי דאַרף אַזוי זײַן.

שלמהלע ליבער, כ׳קען דיר ד׳רויף שווערן,
ס׳וועט נישט קיין שלום זײַן צווישן אײַך,
וועסט מיך נישט איין מאָל דערמאַנען מיט טרערן,
כאָטש אין בין אָרעם און ביילקע איז רײַך.

[רעפֿרען]
שלמהלע ליבער, שלמהלע מײַן,
וועסט דאַן באַדויערן, נאָר שפּעט וועט שוין זײַן.

# שלמהלע ליבער

מרדכי געבירטיג



## אוי, נאַרישע בריאה

וואָס וויינסטו, וואָס קלאָגסטו, אוי, נאַרישע בריאה!
ס׳איז נעבעך פֿון דיר שוין אַ תּל,
דיר וועט זיך נאָך טרעפֿן אַזאַ מין מציאה,
ווי שלומקע דער שנײַדער-געזעל.

אַבֿרהמל דער אַלמן, אַ ייִד ווי אַ שררה,
פֿאַרמאָגט אַ סך זילבער און גאָלד,
פֿלעגט בײַ דיר זיך בעטן, געווען די כּפּרה,
און דו האָסט נאָר שלומקען געוואָלט.

נאָר זאָרג זיך נישט, טאָכטער, נאָך וועלן בעלנים
גענוג זיך געפֿינען אויף דיר,
וועסט זען, אַז דער הולטײַ, אַ קלאָג צו זײַן פּנים,
וועט קומען זיך בעטן בײַ דיר.

נו, זאָרג זיך נישט, טאָכטער, עס טרעפֿט בײַ מאַגנאַטן,
גענוג יונגע-לײַט נאָך פֿאַראַן,
וועסט זען, אַז דער שנײַדערוק, אַ רוח אין זײַן טאַטן,
וועט זײַן נאָך מיט מזל דײַן מאַן.

# אוי, נאַרישע בריאה

מרדכי געבירטיג



# אַ מלאך ווערט געבאָרן

איז דאָס אמת, מאַמעניו?
דער רבי האָט געשוואָרן,
פֿון יעדן קדיש, וואָס איך זאָג,–
אַ מלאך ווערט געבאָרן?
און דער טאַטע דאָרט אַליין
טוט די מלאַכים ציילן: –
אוי, מאַמע, כ׳וועל קיין איינציק מאָל
קיין קדיש נישט פֿאַרפֿעלן!

איז דאָס אמת, מאַמעניו?
דער זיידע האָט געשוואָרן,
פֿון יעדן קדיש, וואָס איך זאָג,–
אַ מלאך ווערט געבאָרן?
און מיט די מלאַכימלעך
דער טאַטע טוט באַפֿעלן?
אוי, מאַמע, כ׳וועל קיין איינציק מאָל
קיין קדיש נישט פֿאַרפֿעלן.

איז דאָס אמת, מאַמעניו?
געהערט דאָס פֿון דעם זיידן:
ס׳באַדינען די מלאַכימלעך
דעם טאַטן אין גן-עדן,
און דער טאַטע קוועלט פֿון זיי,
ווי ער פֿון מיר פֿלעגט קוועלן?
אוי, מאַמע, כ׳וועל קיין איינציק מאָל
קיין קדיש נישט פֿאַרפֿעלן.

# אַ מלאך ווערט געבאָרן

מרדכי געבירטיג



## מאַמעניו, אַן עצה

מאַמעניו, אַן עצה, אוי, וויל איך איצט פֿון דיר,
כ׳קען אַליין קיין עצה מיר געפֿינען:
שלמהלע, דער שיינער יונג, ער שדכנט זיך צו מיר,
כ׳ליג אים, זאָגט ער, טאָג און נאַכט אין זינען,
– זאָל דיר זײַן צו מזל, טעכטערל דו מײַן,
אפֿשר וועט דאָס ענדלעך דײַן רעכטער זיווּג זײַן, אוי, אוי,
זאָלן טאַטע-מאַמע דיך שוין, גאָטעניו,
פֿירן צו דער חופּה אין אַ מזלדיקער שעה.

– מיר געזאָגט שוין אָפֿן, ער וויל זיך מיט דיר זען,
און די תּנאים טאַקע באַלד באַשליסן.
מאַמעניו, דער שידוך וואָלט אַ גליק פֿאַר מיר געווען,
נאָר איין סיבה פּײַניקט מײַן געוויסן –
– זאָגן דיר דעם אמת, טעכטערל דו מײַן,
ווילט זיך מיר נישט גלייבן דערפֿון זאָל עפּעס זײַן, אוי, אוי,
הײַנטיקע בחורים, ס׳איז שוין אַזאַ וועלט,
וועלן נעמען אַבי ווּעמען נאָר צוליבן געלט.

– מאַמעניו, אָט טאַקע דער ענין שרעקט מיך זייער,
שלמהלען האָב איך דערציילט אַ ליגן,
אַ פֿעטער אין אַמעריקע האָב איך אַ מיליאָנער,
כ׳וועל אַ גרויסן נדן פֿון אים קריגן.
– איך האָב עגמת-נפֿש, טעכטערל דו ,מײַן,

האָסט געטאָן אַ פֿעלער, נו מילא זאָל שוין זײַן, אוי, אוי,
גיב איך דיר אַן עצה, מאַך דערפֿון אַ שווײַג
און מיר וועלן נאָך דער חופּה געבן אים אַ פֿײַג.

– מאמעניו, איך וויל נישט, אַן עצה, אוי, מיר גיב!
בעסער דאַכט זיך פֿריער איידער שפּעטער,
צו וויסן אויב מײַן שלמהלע האָט אמתדיק מיך ליב,
צי ליבט ער נאָר מײַן אויסגעטראַכטן פֿעטער.
– נעם דיר נישט צום האַרצן, טעכטערל דו מײַן,
ס׳וועט נאָך מיט גרויס מזל אַ חתן פֿאַר דיר זײַן, אוי, אוי,
כאָטש דו האָסט קיין נדן, זײַן פֿון אים געליבט,
אַוודאי איז אַן אָרעם מיידל עלנט אין באַטריבט.

# מאַמעניו, אַן עצה

מרדכי געבירטיג

**Andantino**



## טרילי טרילילי

זיצט אַ פֿייגעלע אויף אַ ביימעלע,
אַ האַרבסט-ווינטל בלאָזט אין פֿעלד,–
ווײַט אַוועק איז מיר מײַן חתן שלמהלע,
זוכן אַרבעט אין דער וועלט –

[רעפֿרען]
טרילי, טרילילי, אַ געזאַנג
שיקט דאָס פֿייגעלע אַראָפּ צו מיר,
אוי! טרילי, טרילילי, אוי, ווי באַנג
איז אונדז ביידע, מיר און דיר.

זינגט דאָס פֿייגעלע אַ קלאָג-לידעלע,
ערגעץ שטאַרבט אין פֿעלד אַ בלום,
געהאַט פֿון שלמהלען אַ טרויעריק בריוועלע–
נויט און עלנד אומעטום.

[רעפֿרען]
טרילי, טרילילי, אַ געזאַנג ...

זינגט דאָס פֿייגעלע, אַך פֿון גרינעם גראָז,
בינטעלעך שוין טרוקן היי,
ס׳גייען אַרבעטער אַרום דאָרט אַרבעטלאָז,
שלמהלע אויך צווישן זיי.

[רעפֿרען]
טרילי, טרילילי, אַ געזאַנג ...

זינגט דאָס פֿייגעלע, וויי, פֿון ביימעלע,
בלעטלעך רײַסט דער ווינט מיט כּעס,
מחנות אַרבעטער און אויך מײַן שלמהלע
הונגערן אין מיטן גאַס.

[רעפֿרען]
טרילי, טרילילי, אַ געזאַנג ...

פֿלי,מײַן פֿייגעלע, טײַער בריאהלע!
איבער ימען, ווײַט און ברייט,
ברענג פֿון שלמהלען אַ גוט ידיעהלע
און דערצייל אים, ווי איך לייד.

טרילי, טרילילי, אַ געזאַנג
שיקט דאָס פֿייגעלע אַראָפּ צו מיר,
אוי! טרילי, טרילילי, אוי, ווי באַנג
איז מיר, שלמהלע, אָן דיר.

# טרילי טרילילי

מרדכי געבירטיג

**Moderato**



## דער זינגער פֿון נויט

אוי, אָרעמער נאַרישער זינגער,
ביסט נאָך אין דײַן פֿאַך נישט געניט,
דו קריכסט נאָר אין גבֿירישע הויפֿן,
צי האָט דאָרט אַן אָפּקלאַנג דײַן ליד?

די רײַכע, די זאַטע מאַגנאַטן,
זיי רירט נישט דײַן טרויעריק געמיט,
פֿון זיי דאָרט באַקומסטו קיין גראָשן,
צו זיי דאָרט דערגרייכט נישט דײַן ליד.

און ווילסט אויף דײַן זינגען מבֿינים
און געלט אויך פֿאַרדינען דערבײַ?
גיי, זוך זיי אין אָרעמע הייפֿלעך,
דאָרט זינג דײַנע לידלעך פֿאַר זיי.

און זינג זיי דאָס לידל פֿון עלנט,
דאָס טרויעריקע לידל פֿון נויט,
פֿון פֿינצטערע קויטיקע שטיבלעך,
ווּו ס׳הוליעט דער מלאך פֿון טויט.

פֿון בלאַסע פֿאַרקריפּלטע קינדער,
פֿון טרוקענע ברוסטן געגנערט,
וואָס וועקן נאָך איידער זיי בליען,
נאָך איידער דער טויט זיי פֿאַרצערט.

יאָ, זינג זיי די טרויעריקע לידלעך,
זיי זענען געשאַפֿן פֿאַר זיי,
דײַן לידעלע וועט דאָרט באַגלייטן
אַ הילכיקער יאָמער-געשריי.

# דער זינגער פֿון נויט

מרדכי געבירטיג



## אַבֿרהמל דער מאַרוויכער

אָן אַ היים בין איך יונג געבליבן,
ס׳האָט די נויט מיך אַרויסגעטריבן,
ווען איך האָב נאָך קיין דרײַצן יאָר געהאַט,
אין דער פֿרעמד, ווײַט פֿון מאַמעס אויגן,
האָט אין שמוץ מיך די גאַס דערצויגן,
געוואָרן איז פֿון מיר אַ ווילער יאַט.

איך בין אַבֿרהמל, דער פֿעיקסטער מאַרוויכער,
אַ גרויסער קינסטלער, כ׳אַרבעט לײַכט און זיכער,
דאָס ערשטע מאָל, כ׳ווועל׳ס געדענקען ביזן טויט,
אַרײַן אין תּפֿיסה פֿאַר לקחנען אַ ברויט, אוי, אוי,
כ׳פֿאָר נישט אויף מאַרקן ווי יענע פּראָסטע יאַטן,
כ׳צופּ נאָר בײַ קאַרגע, שמוציקע מאַגנאַטן,
כ׳בין זיך מחיה, ווען כ׳טאַפּ אַזאַ מאַגנאַט,
איך בין אַבֿרהמל גאָר אַ ווילער יאַט.

אין דער פֿרעמד נישט געהאַט צום לעבן,
געבעטן ברויט, אַן אָרעמער פֿלעגט נאָך געבן,
נאָר יענע לײַט, וואָס זענען תּמיד זאַט,
פֿלעגן אָפֿט טרײַבן מיך מיט צאָרן,
ס׳וואַקסט אַ גנבֿ, ס׳איז מקוים געוואָרן,—
אַ גנבֿ בין איך, נאָר אַ ווילער יאַט.

איך בין אַבֿרהמל, דער פֿעיקסטער מאַרוויכער,
אַ גרויסער קינסטלער, כ׳אַרבעט לײַכט און זיכער,
אַ יאַט אַ קליינער אַרײַן אין קוטשעמענט,
אַרויס אַ מזיק, אַ זעלטענער טאַלענט, אוי, אוי
כ׳פֿאָר נישט אויף מאַרקן ווי יענע פּראָסטע יאַטן,
כ׳צופּ נאָר בײַ קאַרגע, שמוציקע מאַגנאַטן,
כ׳האָב ליב אַ מענטשן, אַ מילדן, אַ נאַש־בראַט,
איך בין אַבֿרהמל גאָר אַ ווילער יאַט.

שוין נישט לאַנג וועט דאָס שפּיל געדויערן,
קראַנק פֿון קלעפּ, גיפֿט פֿון תּפֿיסה-מויערן,
נאָר איין בקשה כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט—
נאָך מײַן טויט, אין אַ טאָג אַ טריבן,
זאָל אויף מײַן מצבֿה שטיין געשריבן
מיט אותיות גרויסע און פֿון גאָלד:

דאָ ליגט אַבֿרהמל, דער פֿעיקסטער מאַרוויכער,
אַ מענטש אַ גרויסער געווען וואָלט פֿון אים זיכער,
אַ מענטש אַ פֿײַנער, מיט האַרץ, מיט אַ געפֿיל,
אַ מענטש אַ ריינער, ווי גאָט אַליין נאָר וויל, אוי, אוי,
ווען איבער אים וואָלט געוואַכט אַ מאַמעס אויגן,
ווען ס׳וואָלט די פֿינצטערע גאַס אים נישט דערצויגן,
ווען נאָך אַלס קינד ער אַ טאַטן וואָלט געהאַט,
דאָ ליגט אַבֿרהמל, יענער ווילער יאַט.

# אַבֿרהמל דער מאַרוויכער

מרדכי געבירטיג




57
65

## אָרעמע שנײַדערלעך

וואָס וואָלט אַזוי געוועז, מײַן טײַער עטעלע,
ווען עס העלפֿט אונדז דער באַשעפֿער:
מיר קויפֿן זיך אַ לאָס, אַזאַ מין צעטעלע,
און מיר מאַכן דעם הויפּט-טרעפֿער?
– כ׳וואָלט, יאָסעלע, געמאַכט אַ באַל פֿאַר אָרעמעלײַט
פֿײַן און ליב זיי אויפֿגענומען:
נו, טרינקט, קבצנימלעך, און עסט געזונטערהייט,
זאָל אײַך אַלע וויל באַקומען!

[רעפֿרען]
זיצט אַ שנײַדערל, נייט און נייט
פֿאַר די גבֿירימלעך בגדים,
לעבט אין דחקות, אין גרויס אָרעמקייט,
די קינדער נעבעך נאַקעט אָדם,
זיסער גאָטעניו, ס׳איז שוין צײַט,
גענוג שוין צרות אונדז געגעבן,
זאָלן אויך אַמאָל די אָרעמעלײַט
צופֿרידן זײַן פֿון זייער לעבן.

– איך וואָלט מײַן שנײַדערײַ געפֿירט גאָר גרויס און ברייט,
צען געזעלן, צוויי טוץ מיידן,
נישטאָ אין אונדזער פֿאַך קיין אַרבעטסלאָזיקייט,
ס׳גאַנצע שטעטל מיר באַקליידן;
און איך וואָלט ס׳הויז געקויפֿט פֿון אונדזערווירט דעם גבֿיר,
ער פֿאַרביטערט אונדז דאָס לעבן,
זײַן שיינע וווינונג גלײַך פֿאַרנומען וואָלטן מיר,
אונדזער דירה אים געגעבן.

[רעפֿרען]
זיצט אַ שנײַדערל, נייט און נייט,
פֿאַר די גבֿירימלעך בגדים,
לעבט אין דחקות, אין גרויס אָרעמקייט,
די קינדער נעבעך נאַקעט אָדם,
זיצט אַ שנײַדערל, נייט און נייט
און פּלוצלונג נעמט גאָר אויס זײַן צעטל,
און דאָס שנײַדערל לעבט איצט זיך ברייט,
איז איצט דער גרעסטער גבֿיר אין שטעטל.

ווי גוט וואָלט דאָס געוועז, מײַן טײַער עטעלע,
דעם הויפּט-טרעפֿער כ׳וואָלט געוווּנען.
ווו נעמט מען אָבער געלט אויף אַזאַ צעטעלע,
ווען אויף ברויט מיר קוים פֿאַרדינען?

[רעפֿרען]
זיצט אַ שנײַדערל, נייט און נייט
פֿאַר די גבֿירימלעך בגדים,
לעבט אין דחקות, אין גרויס אָרעמקייט,
די קינדער נעבעך נאַקעט אָדם,
זיסער גאָטעניו, קיין שום פֿרייד
איז אויף דער וועלט אונדז נישט געגעבן,
זיצט אַ שנײַדערל, נייט און נייט
און בלײַבט אַ קבצן ס׳גאַנצע לעבן.

# אָרעמע שנײַדערלעך

מרדכי געבירטיג

**Moderato**



## בײַם טײַכעלע

ליג איך מיר בײַם טײַכעלע,
אײנזאַם און פֿאַרטראַכט,
וואַקסט באַלד אויס אַ מײדעלע,
קוקט אויף מיר און לאַכט.
וואָס באַגערסטו, מײדעלע
שײנינקע, פֿון מיר?
– באָדן זיך אין טײַכעלע
שעם איך זיך פֿאַר דיר.

– שעם זיך נישט, שײן מײדעלע,
מעגסט אין טײַך אַרײַן,
כ׳שווער בײַ מײַן נאמנות דיר,
כ׳וועל נישט קוקן, נײן!
– כ׳גלײב דיר נישט, מײַן ייִנגעלע,
שווערן איז קײן קונץ,
איר שווערט אָפֿט, מיר גלײבן אײַך,
דאַן גענאַרט איר אונדז.

– ווען דו גלײבסט מײַן שבֿועה נישט,
מײנסט, איך בין ווי זײ,
בינד איך מיר די אויגן צו
פֿעסט מיט קניפּלעך צוויי.
– קוקסטו אָבער, ייִנגעלע,
כ׳וואָרן דיך אַצינד,
ווערסטו אויף אַן אמתן
הײזעריק און בלינד.

ליג איך מיר בײַם טײַכעלע,
זע איך נישט קײן שײַן,
הער איך ווי דאָס מײדעלע
שפּרינגט אין טײַך אַרײַן,
הער איך ווי זי לאַכט און זינגט,
ס׳הערט זיך ווײַט איר שטים:
– אָ, ווען דו וואָלסט ייִנגעלע,
זען ווי פֿײַן איך שווים.

הער איך ווי זי לאַכט און זינגט:
– קוק נישט, ווערסט באַלד בלינד,
אוי, ווי הײס איז, ייִנגעלע,
ס׳וואַסערל אַצינד.
– קום אַרויס שוין, מײדעלע,
כ׳האַלט שוין מער נישט אויס.
– קוק נישט, קוק נישט, ייִנגעלע,
כ׳גײ פֿון טײַך אַרויס.

# ביים טײַכעלע

מרדכי געבירטיג



## פֿאַרוואָס, זאָג מיר, מאַמעניו

פֿאַרוואָס, זאָג מיר, מאַמעניו
דער טאַטעשי זאָל לעבן
האָט קיין מאָל נישט קיין צײַט ווי דו
מיט מיר זיך אָפּצוגעבן,
מאַמעניו, אוי, מאַמעניו,
זאָג-זשע מיר פֿאַרוואָס?

– ווײַל ער איז אַן אַרבעטער,
בײַ יענעם נאָך דערצו,
לויפֿט נישט פוסט-און-פּאַס אַרום
מיט יינגעלעך ווי דו.
הער שוין אויף צו פּלוידערן,
כ׳האָב קינד מײַנס דאָס נישט ליב,
באַלד קומט אָן דער טאַטעשי,–
נישט אויפֿגערוימט די שטוב.

– פֿאַרוואָס קומט דער טאַטעשי–
כ׳וויל, מאַמעניו, דאָס ויסן,
אַהיים פֿון דאָרט אַ ברוגזער,
פֿאַרשוויצט און אָפּגעריסן ?
מאַמעניו, אוי, מאַמעניו,
זאָג-זשע מיר פֿאַרוואָס?

– ווײַל ער זעגט און הובלעוועט,
אַז אַלץ אויף אים ווערט נאַס,
יאָגט זיך נישט ווי דו אַרום
מיט הינטעלעך אין גאַס.
הער שוין אויף צו פּלוידערן,
שוין דול פֿון דיר דער קאָפּ,
באַלד קומט אָן דער טאַטעשי,–
טראָג גיכער ס׳מיסט אַראָפּ.

– פֿאַרוואָס טוט דער טאַטעשי,
צו וואָס, פֿאַר ועמענס ווגען,
די ברעטער דאָרטן הובלעוון
אויף שטיקלעך זיי צעזעגן?
מאַמעניו, אוי, מאַמעניו,
זאָג-זשע מיר פֿאַרוואָס?

– דער טאַטע זעגט און הובלעוועט
די ברעטער אַזוי לאַנג,
ביז ס׳וואַקסט פֿון רויע ברעטער אויס
אַ טישעלע, אַ שאַנק.
הער שוין אויף צו פּלוידערן,
דאָס צינגל דיר באַהאַלט,
באַלד קומט אָן דער טאַטעשי,
דער אויוון איז נאָך קאַלט.

– פֿאַרוואָס, מאַמע, האָבן מיר–
מיך טוט דאָס שטאַרק פֿאַרדריסן–
אַן אַלט צעבראָכן שענקעלע,
אַ פֿוילן טיש, אַ מיאוסן?
מאַמעניו, אוי, מאַמעניו,
זאָג-זשע מיר פֿאַרוואָס?

– ווייל, מײַן קינד, אַן אַרבעטער
אויף עסן קוים פֿאַרדינט,
דער שוסטער אַרבעט שיכעלעך
און באָרוועס גייט זײַן קינד.
הער שוין אויף צו פּלוידערן,
נישט נודע מיך אַזוי,
אָט גייט שוין דער טאַטעשי
און ס׳עסן איז נאָך רוי.

# פֿאַרוואָס, זאָג מיר, מאַמעניו

מרדכי געבירטיג



## פֿאַרוואָס וויינסטו, שיינדעלע

פֿאַרוואָס וויינסטו, שיינדעלע, טעכטערל דו מײַן,
דײַנע הייסע טרערעלעך רירן ביז צום ביין,
דײַנע הייסע טרערעלעך זאָלן גיין פֿאַר גאָט,
זאָג וואָס קווײלט דיך, פֿאַר אַ מאַמען טאָר נישט זײַן קיין סוד.

– אוי וויי, מאַמע, גאָט געטרײַער!
אין מײַן האַרצן ברענט אַ פֿײַער,
עפּעס ווי פֿאַרכּישופֿט כ׳וואָלט געווען,
עפּעס האָט מיט מיר געטראָפֿן,
כ׳קען נישט עסן, כ׳קען נישט שלאָפֿן,
כ׳ווייס נישט, מאַמע, וואָס מיר איז געשען.

– אפֿשר טוט ווי ס׳קעפּעלע, טעכטערל דו מײַן,
אפֿשר אַ בייז אויגעלע, ס׳קען אַלץ מיגלעך זײַן,
יעדן טאָג שדכנימלעך שלאָגן אָפּ די טיר,
ווערסט מיט מזל באַלד אַ כּלה פֿאַר אַ רײַכן גבֿיר.

– אוי וויי, מאַמע, כ׳וועל אַנטלויפֿן,
כ׳וויל פֿאַר געלט זיך נישט פֿאַרקויפֿן,
ס׳האָט אַ בחור מיר זיך שוין דערקלערט,
יאָסעלע, וואָס ווינט דערלעבן,
אָן אים קען איך מער נישט לעבן,
אים נאָר ליב איך, ער איז מיר באַשערט.

– וואָס איז מיט דיר, שיינדעלע, טעכטערל דו מײַן,
יאָסעלע, דער שנײַדער-יונג, ער דײַן מאַן זאָל זײַן?
וועסט דאָך בײַ אים הונגערן, לײַדן נויט און קעלט,
צוויי דלותים גייען טאַנצן אָן אַ גראָשן געלט.

– וואָס מיר קעלט און וואָס מיר הונגער,
איך בין יונג און ער אַ יונגער,
גרויס וועט זײַן פֿאַר אונדז די קלענסטע שטוב,
כ׳וועל מיט טרוקן ברויט זיך נערן,
יאָסעלע מוז מײַנער ווערן,
מאַמעניו, דו ווייסט נישט וואָס הייסט ליב.

– כ׳ווייס, כ׳ווייס, כ׳האָב, טעכטערל, מיטלייד, שטאַרק מיט דיר,
אויפֿגעוועקט אַן אַלטע ווונד טיף אין האַרץ בײַ מיר,
אויפֿגעוועקט אַן אַלטע ווונד, יאָרן פֿיל פֿאַרביי,
בעסער שווײַגן, נישט דערמאָנען, ס׳טוט נאָך אַזוי וויי.

– אוי וויי מאַמע, גאָט געטרײַער,
אייביק ברענען זאָלן אין פֿײַער
די וואָס האָבן אויסגעטראַכט דאָס געלט.
מאַמעניו, איך האָב באַשלאָסן,
יאָסעלע מוז זײַן מײַן חתן,
אים נאָר ליב איך, ער נאָר מיר געפֿעלט.

# פֿאַרוואָס וויינסטו, שיינדעלע

מרדכי געבירטיג



## קאַרטאָפֿל-זופּ מיט שוואָמען

וואָס האָבן מיר צו מיטאָג הײַנט?–
פֿרעגט יאָסעלע דער מאַמען,–
מיר ווילט זיך עסן, מאַמעניו,
קאַרטאָפֿל-זופּ מיט שוואָמען.
– געהערט אַ חוצפּה, ס׳ווילט זיך אים
קאַרטאָפֿל-זופּ מיט שוואָמען,
כ׳האָב הײַנט געקאָכט אַ קנאָבל-זופּ,
וועסט אָסור זיך נישט סמען.

[רעפֿרען]
קאַרטאָפֿל-זופּ וויל יאָסעלע,
און די עלטסטע טאָכטער סאָסעלע
גבֿירישע מאַכלימלעך האָט ליב,
נו גיב זיי פֿײַנע שפּײַזעלעך,
ווי אין יענע רײַכע הײַזעלעך,
אַז קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, אַז קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב.

וואָס האָבן מיר צו מיטאָג הײַנט?–
אַרײַן אין שטוב קומט סאָסל–
מיר ווילט זיך עסן, מאַמעניו,
אוי, פֿערפֿעלעך מיט ראָסל!
– געהערט אַ חוצפּה, פֿערפֿעלעך
מיט ראָסל ווי מאַגנאַטן,
כ׳האָב הײַנט געקאָכט אַ קנאָבל-זופּ,
ס׳וועט אָסור דיר נישט שאַטן.

[רעפֿרען]
קאַרטאָפֿל-זופּ וויל יאָסעלע,
פֿערפֿעלעך מיט ראָסל סאָסעלע,
קנאָבל-זופּקעס האָבן זיי נישט ליב,
און חיהלע ס׳מוזיניקל–
דאָס איז גאָר אַ מין מפֿוניקל,
און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב.

– וואָס האָבן מיר צו מיטאָג הײַנט?–
אַרײַן אין שטוב קומט חיה–
כ׳וויל באָבעלעך מיט קלוסקעלעך
מיר שמעקט דאָס אַ מחיה!
– געהערט אַ חוצפּה, באָבעלעך
מיט קלוסקעס איר גאָר שמעקן,
כ׳האָב הײַנט געקאָכט אַ קנאָבל-זופּ,
וועסט אָסור זיך נישט קרעקן.

[רעפֿרען]
קאַרטאָפֿל-זופּ וויל יאָסעלע,
פֿערפֿעלעך מיט ראָסל סאָסעלע,
חיהלע שרײַט: מאַמעניו, מיר גיב,
אוי, באָבעלעך מיט קלוסקעלעך,
שלינע רינט פֿון זייערע פּיסקעלעך,
און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, און קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב.

וואָס טוט זיך דאָ? – פֿרעגט ס׳מאַנעלע,
דערזעענדיק מיך בייזלעך,–
וואָס זיצט איר אַזוי ברוגזלעך,
אַראָפּגעלאָזט די נעזלעך.
– געהערט אַ חוצפּה, אָך און וויי,
פּרנסה-געבער מײַנער!
געקאָכט אַ פֿײַנע קנאָבל-זופּ
און עסן וויל נישט קיינער.

[רעפֿרען]
קאַרטאָפֿל-זופּ וויל יאָסעלע,
פֿערפֿעלעך מיט ראָסל סאָסעלע,
באָבעלעך מיט קלוסקעס איר גאָר גיב,
נו, קאָך זיי פֿײַנע שפּײַזעלעך,
ווי אין יענע רײַכע הײַזעלעך,
אַז קיין גראָשן איז נישטאָ אין שטוב,
אוי, קנאָבל-זופּ האָט אויך מײַן מאַן נישט ליב.

# קאַרטאָפּל-זופּ מיט שוואָמען

מרדכי געבירטיג

**Allegretto**



6
11
15
20
24
29
34

## דאָס אַלטע פּאָר פֿאָלק

חיה, מײַן װײַבל, דו שלאָפֿסט?
– איך שלאָף נישט, מיך נעמט נישט קיין שלאָף,
דער זייגער אין דרויסן שלאָגט צוויי אין דער נאַכט,
און איך האָב ביז איצט נאָך קיין אויג נישט פֿאַרמאַכט,
כ׳לײַד איובֿס יסורים, ס׳נעמט גאָרנישט קיין סוף,
די עלטער, אוי, איז אַ גאָטס-שטראָף.

– חיימל, זאָג מיר, דו שלאָפֿסט?
– איך שלאָף נישט, ס׳איז, חיה, זייער מיאוס,
מיך שטעכן די זײַטן עס מוטשעט דער הוסט,
און שווער ווי אַ צענטנ אָט דאָ אויף דער ברוסט,
דאָס וועטער וועט, חיהלע, מאָרגן זײַן מיאוס,
מיך רײַסן די הענט און די פֿיס.

– חיהלע, זאָג מיר, דו שלאָפֿסט?
– איך שלאָף נישט, דערמאָנט דיך אָן זיי,
פֿון יאָסלען איז לאַנג שוין קיין בריוול געווען,
און שיינדל – גאָט ווייסט וואָס מיט איר איז געשען,
פֿון אַלע פֿיר קינדער געבליבן מיר צוויי,
געהאַט אַמאָל נחת פֿון זיי.

– חיימל, זאָג מיר, דו שלאָפֿסט?
– איך שלאָף נישט, אויך איך פֿון זיי טראַכט,
הײַנט חנהלעס בעט אויפֿן בוידעם געזען,
אַמאָל איז דאָס בעטל אונדז נוצלעך געווען,
אויך יאַנקעלעס וויגל, מיר האָט זיך געדאַכט,
איך זע אים, איך הער ווי ער לאַכט.

– חיהלע, זאָג מיר, דו שלאָפֿסט?
– געדרימלט, געחלומט פֿון זיי,
אין שטוב אַלע קינדער, איך בעט זיך בײַ זיי:
אוי, קינדערלעך, שרײַט נישט, דער קאָפּ טוט מיר וויי!
נאָר באַלד איז דער זיסינקער חלום פֿאַרבײַ–
אוי, ס׳בענקט זיך נאָך יענעם געשריי.

– חיימל, טוסט זיך שוין אָן?
– יאָ, ס׳טאָגט שוין, עס קרײַט שוין דער האָן,
געלויבט דער אין הימל, געפּטערט אַ נאַכט,
געדרייט זיך פֿון ווייטיק, קיין אויג נישט פֿאַרמאַכט,
נאָר באַלד, מײַן ליב חיהלע, ברענגט אונדז דער סוף
דעם שטילן, דעם אייביקן שלאָף.

# דאָס אַלטע פּאָר פֿאָלק

מרדכי געבירטיג

**Allegretto**



## חלוצים-ליבע

צי, קענסטו מיר, צפּורקע, פֿאַרטרויען דעם סוד–
כ׳וועל קיינעם נישט זאָגן, איך שווער דיר בײַ גאָט–
צי האָסטו זיך באַנוצט מיט אַ כּישוף-געטראַנק?
איך גיי אויס פֿון ליבע, כ׳בין דול שוין, כ׳בין קראַנק.

איך זע דיך אין חלום, איך זע דיך ווען כ׳וואַך,
בײַנאַכט אין דער קבֿוצה, ווען כ׳שטיי אויף דער וואַך,
אין פֿעלד מיט חלוצים, ווען כ׳אַקער און זיי,
אָט וואַקסט צפּורקע און אוך זיך דערפֿריי.

צי האָט מיך פֿאַרכּישופֿט, צפּורקע, דו מײַן
דײַן זיסינקער שמייכל פֿול ייִדישער חן,
צי גאָר דײַנע שוואַרצינקע אייגעלעך צוויי,
אַ שטאָלצע חלוצה אַרויס קוקט פֿון זיי.

צי ווען איך פֿאַרטראַכט זיך, ווי מוטיק דו האָסט
דײַן מאַמען, דײַן היימיש ליב שטעטל פֿאַרלאָזט,
ווי יעטוועדעס שטיינדל דײַן קינדהייט דערמאָנט,
געקומען אַהער צו אויפֿבויען דאָס לאַנד.

און אפֿשר, צפּורקע, ווען כ׳זע דיך פֿאַרטראַכט,
געפּײַניקט פֿון בענקשאַפֿט, פֿון הונגער פֿאַרשמאַכט,
פֿאַרברענט פֿון מאַלאַריע, ליגסט איינזאָם אין שטוב
און לײַדסט מיט עקשנות און נעמסט אַלץ פֿאַר ליב.

איך בעט דיך, צפּורקע, פֿאַרטרוי מיר דעם סוד–
כ׳וועל קיינעם נישט זאָגן, איך שווער דיר בײַ גאָט–
צי האָסט זיך באַנוצט מיט אַ כּישוף-געטראַנק?
איך גיי אויס פֿון ליבע, כ׳בין דול שוין, כ׳בין קראַנק.

# חלוצים-ליבע

מרדכי געבירטיג



## ווער דער ערשטער וועט לאַכן

כ׳וועל זיכער, אַבֿרהמל, דער ערשטער נישט לאַכן,
איך וועט זיך, מעגסט ווי נאָך זיך וויצלען,
כ׳וועל נעמען אין זינען מיר טרויעריקע זאַכן,
נו מעגסטו אַפֿילו מיך קיצלען.
– וועסט לאַכן, איך וועט זיך,
וועסט, שלמהלע, שוין לאַכן,
איך האָב אַ מיטל גאָר אַ ווילע זאַך–
מעגסט האָבן זיך אין זינען
די טרויעריקסטע זאַכן,
וועט מוזן זײַן בײַ דיר דער ערשטער לאַך.

דאָס ערשטע, אַבֿרהמל, נעם איך מיר אין זינען
מײַן אָרעמען טאַטן דעם שוואַכן,
וואָס זוכט אַרום אַרבעט און קען נישט געפֿינען,
נו, וועט זיך מיר גלוסטן צו לאַכן?
– וועסט לאַכן, איך וועט זיך,
וועסט שלמהלע, פֿאַרשפּילן,
איך האָב אַ מיטל גאָר אַ ווילע זאַך:
כ׳וועל מיאַוקען ווי אַ קעצל
און ווי אַ הינטל בילן,
וועט מוזן זײַן בײַ דיר דער ערשטער לאַך.

– איך וועל זיך דערמאַנען, כ׳האָב נעכטן אין חדר
די סדרה וואָס גייט הײַנט פֿאַרגעסן,
דער רבי, ער וויל נאָר כ׳זאָל לערנען כּסדר,
ער ווייסט נישט ווי מיר ווילט זיך עסן.
– וועסט לאַכן, איך וועט זיך,
וועסט נישט זײַן אַזאַ שלעכטער,
שטעל אײַן אַ קנעפּל כ׳שטעל אַקעגן פֿיר,
וועסט האַלטן זיך די זײַטן
און קײַכן פֿון געלעכטער,
דערזעענדיק וואָס איך האָב דאָ בײַ מיר.

– און כ׳וועל זיך דערמאַנען דעם רבינס צאָרניק פּנים,
ווען ר׳האָט מיך גענומען פֿאַרהערן,
נאָך האָב איך פֿון קאַנטשיק פֿיל בלאָע סימנים,
געוויינט פֿון יסורים מיט טרערן.
– וועסט לאַכן, וועסט לאַכן,
אַהער גיב שוין דאָס קנעפּל,
זע, שלמהלע, וואָס איך האָב דאָ פֿאַר דיר!
אַ זעמעלע מיט פּוטער,
און הערינג אַ פֿײַן קעפּל,
אַנו, זאָג, שלומקע, ווער וועט לאַכן פֿריער?
– אַ זעמעלע מיט פּוטער
און הערינג אַ פֿײַן קעפּל,
כ׳וועל מאָרגן ווידער וועטן זיך מיט דיר.

# ווער דער ערשטער וועט לאַכן

מרדכי געבירטיג



## אונדזער שטעטל ברענט

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי,אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רײַסן, ברעכן און צעבלאָזן
שטאַרקער נאָך די ווילדע פֿלאַמען,
אַלץ אַרום שוין ברענט.

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פֿאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך–
אונדזער שטעטל ברענט ...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי,אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!
ס׳האָבן שוין די פֿײַער-צונגען
דאָס גאַנצע שטעטל אײַנגעשלונגען–
אין די בייזע ווינטן הודזשען,
אונדזער שטעטל ברענט!

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פֿאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך–
אונדזער שטעטל ברענט ...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, עס קען חלילה קומען דער מאָמענט:
אונדזער שטאָט מיט אונדז צוזאַמען
זאָל אויף אַש אַוועק אין פֿלאַמען,
בלײַבן זאָל – ווי נאָך אַ שלאַכט.
נאָר פוסטע, שוואַרצע ווענט!

אין איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פֿאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך–
אונדזער שטעטל ברענט ...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
די הילף איז נאָר אין אײַך אַליין געווענדט.
און אויב דאָס שטעטל איז אײַך טײַער,
נעמט די כּלים לעשט דאָס פֿײַער,
לעשט מיט אײַער אייגן בלוט,
באַווײַזט אַז איר דאָס קענט.

שטייט ניט, ברידער אָט אַזוי זיך
מיט פֿאַרלייגטע הענט.
שטייט ניט, ברידער, לעשט דאָס פֿײַער–
אונדזער שטעטל ברענט!

קראָקע 1938

# אונדזער שטעטל ברענט

מרדכי געבירטיג



# קום, לייבקע, טאַנצן

לייבקע, מײַן ליבער, דאָס וועט קיין גוטס נישט געבן,
דו ברענגסט מיט דײַן עקשנות מיך פֿון געדולד אַרויס,
דו מוזט זיך לערנען טאַנצן, איך שווער בײַ אונדזער לעבן,
אלא נישט, איז הײַנט נאָך מיט אונדז אויס–
מעגסט זיך זײַן וואָס דו ביסט:
אַ פֿאַרברענטער ציוניסט,
אַ בונדאָוועץ, ווּעמען גייט דאָס אָן?
אַלע איסטן זײַט אַ צײַט,
און אויך די אַגודה-לײַט,
טאַנצן טאַנגאָ און טשאַרלעסטאָן.

[רעפֿרען]
קום, לייבקע, טאַנצן,שעם זיך ניט,
איך וועל דיך פֿירן שריט בײַ שריט,
שטעל זיך, מײַן ליבער,
אַקעגן איבער
און הייב צוזאַמען מיט מיר אָן,
נעם פֿעסט אַרום מיך, לייבקע קרוין,
דאָס ווייס איך זיכער קענסטו שוין,
איצט לאָמיר שוועבן–
אַך, ס׳אַראַ לעבן,
ווען ס׳טאַנצט אַ פּאָרל טשאַרלעסטאָן.

לייבקע, די מענער, זיי גרינטלעך צו דערקענען,
מײַן בעסטער טערמאָמעטער איז ווען איך טאַנץ מיט זיי,
וועלכע שוין באַווײַבטע און וועלכע פֿרײַ נאָך זענען,
דאָס דערגיי איך שוין בײַם ערשטן דריי:
ווער עס איז אַ פֿײַנער מאַן,
ווען אַ לומפּ, אַ שאַרלאַטאַן,
פֿיל איך, ווען דער טאַנץ נאָר הייבט זיך אָן,
און דערפֿאַר, לייבקע קרוין,
וויל איך דיך, און טאַקע שוין,
לערנען טאַנגאָ און טשאַרלעסטאָן.

[רעפֿרען]
קום, לייבקע, טאַנצן,שעם זיך ניט, ...

# קום, לייבקע, טאַנצן

מרדכי געבירטיג

**Moderato**




59
לע - בן ווען ס׳טאַנצט אַ פּאָ - רל טשאַר - לע - סטאָן

## מײַן היים!

נישט געזען מײַן היים שוין אַ סך יאָרן,
בין איך איבער ימען געקומען צופֿאָרן.
וויאָ, וויאָ, ברודערל מײַן!
אָט בין איך מיט מזל שוין אין מײַן היים.
אוי די דײַ אוי די די די דײַ
אוי די די זײַ די די אוי די די די דײַ.

טײַערע היים, אָך שוועסטערלעך און ברידער,
ליבינקע חבֿרים איך וועל אײַך באַלד זען ווידער.
וויאָ, וויאָ, ברודערל מײַן!
תּיכּף פֿון דער באַן אין מײַן שטאָט אַרײַן.
אוי די דײַ ...

אָט זע איך שוין בוימער פֿון די פּלאַנטן
שמייכלען צו מיר ליב, ווי צו זייערס אַ באַקאַנטן.
וויאָ, וויאָ, ברודערל, פֿאָר!
זע איך זיי אין חלום צי אויפֿן וואָר?
אוי די דײַ ...

ס׳פֿליען גאַסן, ווי פֿון ווינט געטראָגן–
אָט איז שוין דער רינג-פּלאַץ, כ׳הער דעם זייגער שלאָגן.
וויאָ, וויאָ, ברודערל, פֿאָר!
יעדע מינוט איז מיר אַ יאָר.
אוי די דײַ ...

אין ייִדיש קוזמאַרק שוין אַרײַנגעפֿאָרן–
עפּעס אויפֿן האַרצן איז אומעטיק געוואָרן.
וויאָ, וויאָ, ברודערל, וויאָ!
אַך, ווי גוט געפֿילט כ׳האָב אַ מאָל זיך דאָ!
אוי די דײַ ...

אָט באַגריסן מיך אַלט-באַקאַנטע בלאָטעס,
אָרעמע, רחמנותדיקע, ייִדישע קאַפּאָטעס.
וויאָ, וויאָ, ברודערל, וויאָ!
דאָס איז דער ערשטער ברוך-הבא.
אוי די דײַ ...

גרויע גאַסן, גרויע, קרומע וועגן,
גרוי און מרה-שחורהדיק איז אַלץ וואָס איך באַגעגן.
וויאָ, וויאָ, ברודערל, וויאָ!
גרוי קוקט אויס דאָס ייִדישע לעבן דאָ.
אוי די דײַ ...

ייִדישע קראָמען , אָנגעפֿילט מיט זאָרגן,
ייִדעלעך פֿאַרדאַגהטע, אָן היינט און אָן אַ מאָרגן.
וויאָ, וויאָ, ברודערל, וויאָ!
אָרעמקייט און נויט וואַקסט פֿון שעה צו שעה.
אוי די דײַ ...

נישט מער געטראָפֿן מלכּהלען מײַן שוועסטער,
רבֿקה שטאַרק פֿאַראָרעמט, און קראַנק איז נעבעך אסתּר.
וויאָ, וויאָ, ברודערל, וויאָ!
אויך אַ סך חבֿרים שוין מער נישטאָ.

אוי די דײַ ...

טײַערע היים, אוי וויי צו די יאָרן–
פֿון אַלע מײַנע טײַערע אַ תּל איז דאָ געוואָרן.
וויאָ, וויאָ, ברודערל, מײַן!
תּיכּף צו דער באַן, כ׳קען דאָ מער נישט זײַן.
אוי די דײַ ...

טײַערע היים, מיך האָט צו דיר געצויגן!
איצט פֿון דיר אַנטלויף איך ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן.
וויאָ, וויאָ, ברודערל, מײַן!
צוריק אין דעם לאַנד וווּ די לופֿט איז ריין!
אוי די דײַ ...

# מײַן היים!

אַ מתּנה מײַן טײַערן, ליבן יוגנט-חבֿר יאָסעלע ווײַנבערג

מרדכי געבירטיג

**Allegretto**



## קריגס-אינוואַליד

איך בעט אַ נדבֿה, אוי, ייִדישע קינדער!
בײַ אונדז אין דער היים איז אַ נויט,
די מאַמע אַ קראַנקע, דער טאַטע אַ בלינדער,
פֿאַרזאָרגן מוז איך זיי מיט ברויט.

[רעפֿרען]
וואַרפֿט אַראָפּ, גוטע מענטשן, אַ פּאָר גראָשן
פֿאַר אַ בלינדן קריגס-אינוואַליד,
וועמענס ליכט שוין אויף אייביק איז פֿאַרלאָשן,
זען די וועלט וועט ער שוין קיינמאָל ניט,
אוי, זען די וועלט וועט ער שוין קיינמאָל ניט.

דער טאַטעשי מײַנער איז בלינד נישט געבוירן,
געווען אַ צײַט לאַנג אויפֿן שלאַכט,
זײַן ליכט פֿון די אויגן אין שלאַכטפֿעלד פֿאַרלוירן,
אַהיים אַ מעדאַל זיך געבראַכט.

[רעפֿרען]
וואַרפֿט אַראָפּ, גוטע מענטשן, אַ פּאָר גראָשן
פֿאַר אַ בלינדן, נישט געבוירן בלינד,
וועמענס ליכט שוין אויף אייביק איז פֿאַרלאָשן,
זען וועט ער נישט מער זײַן אייגן קינד,
אוי, זען וועט ער נישט מער זײַן אייגן קינד.

געבראַכט אַ מעדאַל, אַ מתּנה פֿון קייסער,
פֿאַר זײַנע צוויי אויגן – דער לוין,
איצט מוז ער זיין בעטלען אַרום אין די הײַזער,
העלפֿט, מענטשן, אַ בלינדן פֿאַרשוין.

[רעפֿרען]
וואַרפֿט אַראָפּ, גוטע מענטשן, אַ פּאָר גראָשן
פֿאַר אַ בלינדן – פֿאָלגן פֿון דער שלאַכט,
וועמענס ליכט שוין אויף אייביק איז פֿאַרלאָשן,
ס׳לעבן זײַנס אַ חושכדיקע נאַכט,
אוי, ס׳לעבן זײַנס אַ חושכדיקע נאַכט.

איך בעט אַ נדבֿה, אוי, ייִדישע קינדער!
איר האָט דאָך קיין האַרץ פֿון מעטאַל,
די מאַמע אַ קראַנקע, דער טאַטע אַ בלינדער,
פֿון שלאַכטפֿעלד געבראַכט אַ מעדאַל.

[רעפֿרען]
וואַרפֿט אַראָפּ, גוטע מענטשן, אַ פּאָר גראָשן
פֿאַר אַ בלינדן וואָס שטרעקט אויס זײַן האַנט,
וועמענס ליכט שוין אויף אייביק איז פֿאַרלאָשן,
בלינד – אַ קרבן פֿאַר זײַן פֿאָטערלאַנד ...
אוי, בלינד – אַ קרבן פֿאַר זײַן פֿאָטערלאַנד.

# קריגס-אינוואַליד

מרדכי געבירטיג

**Moderato**



## די ערשטע בלעטלעך

ווען איך זע די ערשטע בלעטלעך
אויף די בוימער בליען,
ווען די ערשטע פֿייגל קומען
פֿריילעך צוריק צו פֿליען;

ווען אין פֿעלד די קינדער פֿלעכטן
ס׳ערשטע בלומען-קרענצל,
שטעלן דאַן זיך אויס אַ רעדל
ווי צום מצווה-טענצל;

און זיי טאַנצן און זיי זינגען
פֿרייען זיך און לאַכן—
ווילט זיך מיר אַרײַן אין מיטן
ס׳רעדל גרעסער מאַכן.

הוליען, טאַנצן מיט די קינדער
ווי אין יענע יאָרן;
פֿריילעך, פֿריילעך, הוליעט, קינדער,
כ׳בין צוריק יונג געוואָרן ...

## צו מײַן געליבטער

ווילסטו, געליבטע, איך זאָל הײַנט
זיך אָפּן דיר דערקלערן?
קום מיט מיר אַרויס אין פֿעלד,
דאָרט וועט אונדז קיינער שטערן.

קום מיט מיר אַרויס אין פֿעלד,
גאַנץ אויבן, דאַרפֿסט נישט שרעקן–
כ׳וועל הײַנט אַלע סודות דיר,
וואָס כ׳טראָג אין האַרץ, אַנטפּלעקן ...

דאָ, געליבטע, קען איך נישט,
דאָ עסט דער שטויב די לונגען.
דאָרט איז שטיל, די לופֿט איז פֿריש,
און ס׳לעבט זיך נישט געצוווּנגען ...

זע! די זון קלײַבט שוין צונויף
די לעצטע רויטע שטראַלן, –
זע, ווי רויט דאָס פֿעלד איז איצט,
די גרעזלעך ווי קאָראַלן.–

הער! ווי שיין דער סלאָוויק זינגט
זײַן נאַכט-געבעט צום הימל.
זע, אַ בין, נאָך פֿאַרן שלאָף,
דאָרט האַלדזט און קושט אַ בלימל ...

קום, געליבטע, העכער דאָרט!
אַך, סאַראַ פֿאַרגעניגן
פֿון קיין מענטש צו זײַן געזען
אין ווייכן גראָז צו ליגן ...

פֿון קיין מענטש צו זײַן געזען
בײַם שײַן פֿון דער לבֿנה–
שענק איך דיר אַ הייסן קוש
פֿון האַרצן אַ מתנה.

וועסט פֿאַרגעסן אָן דער וועלט,
פֿאַרגעסן אַלע ליידן:–
דו – ביסט חוה, אָדם – איך,
מיר לעבן אין גן-עדן ..

## גאָטס שמייכל

יאָ, יאָ, מײַן קינד, ווען גאָט נאָר וויל
ס׳זאָל ווערן טאָג פֿון נאַכט,–
דאַן גיט ער נאָר אַ שמייכעלע ...
שײַנט אויף די זון – אַ פּראַכט.

– אוי, מאַמעניו, כ׳האָב זיך דערמאָנט:
געשען איז דאָס פֿאַר יאָרן–
ווען די זון האָט דאָ פֿאַרברענט
די גערשטן, ווייץ און קאָרן;

ווען געהונגערט האָט די שטאָט,
געמוזט די קראָם פֿאַרמאַכן,–
אוי! האָט דאָס דער ליבער גאָט
געמוזט דאָרט האַרצלעך לאַכן! ...

## מיט איר זיך באַקענט

מיר זײַנען צוזאַמען געווען אויף אַן אָוונט,
און כ׳האָב זיך מיט איר דאָרט באַקענט:
גערעדט נאָר מיט מיר פֿון אַ גליקלעכער צוקונפֿט,
פֿון פֿרײַהייט, געהיצט זיך, געברענט:

ס׳וועט קומען אַ סוף – האָט איר שטים געקלונגען–
צום גאָלדענעם גאָט, צו זײַן מאַכט!
אַ סוף צו די האַרן אין גאָלדענע רינגען ...״–
אַ "נביא", האָב איך זיך געטראַכט.

נאָר פלוצלונג ... איז זי גאָר געוואָרן אַנטשוויגן,
איר בליק האָט פֿאַרלאָרן דעם ברען,–
דאָס היציקע מיידל, זי האָט אויף מײַן פֿינגער
אַ שיין קידושין-רינגל דערזען ...

#ביילקע

איינס דער זייגער אַלע שלאָפֿן
אין דער מיט דער נאַכט–
ביילקע זיצט נאָך אַלץ ביַים פֿענצטער
טרויעריק, טיף פֿאַרטראַכט.

טרויעריק, כאָטש ער האָט שוין נעכטן
אָפֿן זיך דערקלערט,
אַז אָן איר קען ער נישט לעבן:
זי איז אים באַשערט.

אַז אין שלאָף, אויך ביַי דער אַרבעט
ווען ער זיצט אין נייט:
וואו ער קוקט און וואו ער שטעלט זיך
ביילקע פֿאַר אים שטייט.

עפּעס ווילט זיך איר נישט גלייבן
כאָטש ער רעדט איר איַין,
אַז אין אירע שוואַרצע אויגן,
מוז אַ כישוף זיַין.

איז דאָס מעגלעך, קלערט אַלץ ביילקע,
טריַיבט ער נישט קיין שערץ?
וועט ער נישט, ווי יענער ליגנער,
ברעכן איר דאָס הערץ?

וועט ער נישט, ווי באַלד ער׳ט וויסן
ס׳וועט קיין נדן זיַין,
אויף די שוואַרצע כישוף-אויגן
וואַרטן אַן אום-חן?

דען אויך יענער פֿלעגט זיי לויבן ...
ביילקע זיך פֿאַרטראַכט–
און אַ זיפֿץ פֿון טיפֿן האַרצן
הערט זיך אין דער נאַכט.

# די קאָרטן-לייגערין

קום אַהער, מײַן קינד, אָ, שעם זיך נישט,
כ׳ווייס דײַנע סודות אַלע:
די קאָרטן דאָ, זיי זאָגן מיר:
דו ביסט געווען אַ כלה.

דו האָסט דײַן חתן שטאַרק געליבט,–
אָ, זעסט די קאָרט אין מיטן?
ער האָט דיך אויף אַן אַנדערער,
מײַן אָרעם קינד, פֿאַרביטן:

האָסט אים דײַן נדן אָנפֿאַרטרויט,–
זעסט דאָרט די קאָרט די לינקע?
ער זיצט זיך אין אַ פֿריילעך הויז
און קושט דאָרט אַ בלאָנדינקע ...

דו שלאָפֿסט נישט גאַנצע נעכט, מײַן קינד,
נאָר וויינסט, פֿאַרגיסט פֿיל טרערן,–
די קאָרטן דאָ, זיי זאָגן מיר,
דו וועסט באַלד מוטער ווערן ...

איצט גיב, מײַן קינד, דײַן רעכט האַנט
און לייג אַ קרוין אויף מײַנע:
כ׳האָב דײַן פֿאַרגאַנגענהייט געזען,
כ׳וויל זען די צוקונפֿט דײַנע ...

יאָ, יאָ, דאָס וועטער ענדערט זיך,
ס׳שײַנט אויף דײַן טריבער שטערן,
דו וועסט אַמאָל נאָך גליקלעך זײַן.
אַ לוסטיק מיידל ווערן ...

אַ ליכטיק הויז, אַ פֿריילעך הויז
מיט זיידענע גאַרדינען–
און שטיבלעך פֿיל און מיידלעך פֿיל,
פֿיל מענער זײַנען דרינען ...

דו ביסט די שענסטע, זאָגן זיי,
זיי ברענגען דיר בוקעטן:
דו יאָגסט און טרײַבסט זיי ווי די הינט,–
זיי קושן דיך און גלעטן ...

און אויך דײַן חתן קומט צו דיר ...
דו וויינסט? ווילסט מער נישט הערן?
נישט וויין, מײַן קינד, דו וועסט אַמאָל
אַ פֿריילעך מיידל ווערן ...

## די פֿאַרפֿירטע

וואָס ביסטו אַזוי קאַלט צו מיר?
געליבטער, זאָג מיר אָפֿן!
צי האָט זיך דיר אַן אַנדערע,
אַ שענערע געטראָפֿן?

צי האָסט פֿאַרגעסן יענע נאַכט,
דו האָסט דײַן וואָרט געגעבן,
דו האָסט געשוואָרן, נאָר מיט מיר
וועסט אייביק, אייביק לעבן?

צי האָסט פֿאַרגעסן יענע נאַכט,
אין וועלדל דאָרט גאַנץ אויבן.
דו האָסט מיט דײַנע זיסע רייד
צום הימל מיך דערהויבן?

דו האָסט מיט דײַנע זיסע רייד
פֿאַרשיכורט מיך, באַטרונקען ...
דעם לעבנס-בעכער ביז צום דנאָ
באַוואוזסטלאָז אויסגעטרונקען ...

איצט קוקסטו אויף מיר קאַלט און פֿרעמד,
איצט קענסטו מיך נישט ליידן?
דו האָסט צעבראָכן מיר מײַן האַרץ!
איצט, ווילסטו מיך אויסמײַדן?

דו האָסט מײַן פֿרויען-שטאָלץ גערויבט
מײַן האָפֿענונג און מײַן שטרעבן,–
צוליב איין זיסן אויגנבליק
פֿאַרסמט מײַן יונגעס לעבן ...

דו שווײַגסט? – פֿאַרטראָגסט דעם אמת נישט?
געליבטער! זאָג מיר אָפֿן,–
בעפֿאָר איך גיי, אָ זאָג מיר, זאָג,
האָב איך נאָך וואָס צו האָפֿן? ...

## די נשמה

יעדע נאַכט, שוין יאָרן-לאַנג,
ווען כ׳הייב נאָר אָן צו דרימלען:
שוועבט זיך מײַן נשמה פֿרײַ
אַרום אין אַלע הימלען ...

אוי! ווי פּלאָגט מיך דער געדאַנק:
ער סמט אין רויבט מײַן זינען,–
זי וועט אַמאָל פֿאַרבלאָנדזשען זיך,
דעם וועג נישט צוריק געפֿינען ...

אוי! ווי ס׳פּלאָגט מיך דער געדאַנק:
עס ציטערט יעדער אבר,–
זי קומט אַמאָל צו שפּעט אַראָפּ
מײַן גוף ליגט שוין אין קבר ...

## געפֿאָרן גאַנץ ווײַט

אוי, מאַמע! וואָס זוימט דיך דער טאַטע אַזוי לאַנג?
ער קומט נישט מער שלאָפֿן, נישט עסן:
איך וויל זען דעם טאַטן, ... מיר איז אַזוי באַנג!
צו האָט ער אָן אונדז שוין פֿאַרגעסן? ...

דער טאַטע, מײַן קינד, איז געפֿאָרן גאַנץ ווײַט–
גאַנץ ווײַט, העט דאָרט אונטער די שטערן!
דאָרט לעבט מען שוין אייביק, אָן צרות, אָן לייד,
פֿון דאָרט ווילט זיך קיינעם צוריקקערן.

דאָרט איז אַזוי רואיק, מען הונגערט נישט מער
קיין שנאה ... נישטאָ קיין מאַגנאַטן ...
אוי, מאַמעניו מאַמע! כ׳וויל דאָ נישט זײַן מער–
כ׳וויל ליבער זײַן דאָרטן, בײַם טאַטן ...

## מײַן פֿרילינג

כ׳האָב געהאָפֿט אַלץ, ווען דער פֿרילינג
ועט נאָר קומען,
ווען די ערד וועט ווידער צירן
זיך מיט בלומען:
ווען די זון די קאַלטע ביימעלעך
וועט דערוואַרעמען
און מיט הייסער שטראַלן-ליבע
זיי אומאַרעמען:

ווען דעם סלאָוויקס זיסן טרילער
כ׳וועל דערהערן,
וועל איך אפֿשר פֿריער, ייִנגער
דאַן אויך ווערן.
און דער אומעט, וואָס אין האַרצן
ליגט פֿאַרבאָרגן,
וועט פֿאַרשווינדן, און מיט אים אויך
אַלע זאָרגן ...

כ׳האָב געהאָפֿט אַלץ, און דער פֿרילינג
איז געקומען.
אויסגעפּוצט האָט זיך די קאַלטע
ערד מיט בלומען.
אויסגעסטראַיעט שטייען ביימלעך
צו עמפֿאַנגען
פֿרילינגס-געסט, וואָס קומען צוריק שוין–
מיט געזאַנגען.

און דער סלאָוויק קנאַקט און פֿײַפֿט זיך
זײַנע שטיקלעך ...
בלימלעך טאַנצן, אַלץ איז פֿריילעך,
איבערגליקלעך, –
איך נאָר שטיי באַטריבט, פֿאַרביטערט
און פֿאַרלאָזן,
צווישן יונגע, פֿרישע פֿלאַנצן.
צווישן גראָזן;

אָרעם שפּל צווישן ביימער,
צווישן נעלקן,
אַלץ בליט זיך, איך נאָר איינער
האַלט אין וועלקן.
אָפּגעקירצט מיט נאָך איין פֿרילינג
איז מײַן לעבן,
איך זע שוין דעם קאַלטן ווינטער
פֿאַר מיר שוועבן ...

# הערשעלע

פֿריילעך, פֿריילעך, קינדערלעך!
פֿרילינג איז שוין הײַנט,–
פֿון די נאָרעס קריכט אַרויס!
די זון האָט שוין אויפֿגעשײַנט.

בלימעלעך און גרעזעלעך
צירן שוין די ערד:
דאָס געזאַנג פֿון פֿייגעלעך
שוין פֿון פֿעלד זיך הערט.

בינעלעך און פֿליגעלעך
זשומען שוין אַרום:
שבתים און אַ לויבגעזאַנג
הערט זיך אומעטום.

גיכער, גיכער, קינדערלעך!
קומט אַרויס אין פֿעלד:
נעמט אײַך בײַ די הענטעלעך,–
הוליעט, טאַנצט און קוועלט!

שטעלט אײַך אויס אַ רעדעלע!
אָרעם אָדער רײַך,–
דען בײַם פֿרילינג, קינדערלעך!
זענט איר אַלע גלײַך ...

שפּילט אײַך, שפּילט אין "פֿערדעלעך",
"קאַמער-קאַמער טיר",
"קעצעלע און מייזעלע",
ווער ס׳וועט כאַפּן פֿריער:

שטעלט אײַך אויף אַ הײַזעלע,
אַ ברונעלע, אַ מיל...
נאָר אין זעלנער שפּילט אײַך נישט!
אָ! העסלעך איז דאָס שפּיל ...

נאָר אין זעלנער שפּילט אײַך נישט,
קינדער! ס׳איז נישט גלײַך;
הערשעלע דאָס יתומל
איז דאָ צווישן אײַך.

וועקט נישט אין זײַן הערצל אויף
דעם ווייטיק וואָס ער פֿילט,–
דען זײַן טאַטע האָט זיך אויך
אין זעלנערלעך געשפּילט.

געגעבן אים אַ ביקסעלע,
געשיקט אַרויס אין פֿעלד,–
געקומען דאַן אַ בריוועלע:
"געפֿאַלן ווי אַ העלד" ...

געקומען איז אַ בריוועלע,
די מאַמע האָט געוויינט:
געלערנט אים אַ קדישל–
יאָ, ער געדענקט נאָך הײַנט!

פֿון דעמאָלט אָן האָט הערשעלע
צעבראָכן זײַן געווער,–
מיט ביקסעלעך און זעלנערלעך
שפּילט ער זיך נישט מער.

פֿון דעמאָלט אָן ווען הערשעלע
אין גאַס אַ זעלנער זעט,
קוקט ער נעבעך, ס׳דאַכט זיך אים:–
זײַן גוטער טאַטע גייט ...

דאַרום, ליבע קינדערלעך!
שפּילט אײַך, וואָס איר ווילט!
נאָר צוליב דעם יתומל
אין זעלנערלעך נישט שפּילט ...

## פֿאַר וואָס שווײַגט ער דאָרט? ...

טאַטעניו! דער רבי זאָגט,
אַז גאָט אונדז שיצט און היט:
ער ווייסט אַלץ וואָס דאָ זיך טוט,
און אַלץ, וואָס דאָ געשיט–
איז אים אויבן קלאָר ...
– יאָ, מײַן קינד, ס׳איז וואָר!

טאַטעניו פֿאַר וואָס וועו אונדז
מען פּײַניגט און מען שלאָגט,
מען שעכט אונדז אָן רחמנות אויס,
מען קוועלט אונדז און מען פּלאָגט–
פֿאַר וואָס שווײַגט ער דאָרט? ...
– שטיל, מײַן קינד, קיין וואָרט ...

# סליחות

"ייִדעלעך, הייליקע, כּשרע ייִדעלעך!
צו עבֿודת-הבורא שטייט אויף,
מישט אויף די סליחות און מיט די קלאָג-לידעלעך,
אײַער אַלטינקן טאַטן וועקט אויף ..."

איר בעט און איר וועקט אים שוין הונדערטער יאָרן–
ער שווײַגט גלײַך ער הערט נישט קיין וואָרט:
צי איז דאָס געבעט אים שוין נמאס געוואָרן?
צי שעמט ער מיט אײַך זיך גאָר דאָרט?

צי ברענט נישט זײַן צאָרן? ווען ער זעט פֿון הימל,
וואָס דאָ אויף זײַן וועלטל זיך טוט:
זײַן הייליק געבאָט ליגט אין שמוץ און אין שימל,
זײַן ערד, רויט באַטרונקן פֿון בלוט!

צי ברענט נישט זײַן צאָרן? ווען ער זעט פֿון אויבן,
ווי טעגלעך צעפֿאַלט זײַן געבאָט:
אַ מסחר געמאַכט האָט מען דאָ פֿון זײַן גלויבן,
מען האַנדלט, מען שאַכערט מיט גאָט!

צי ענטפֿערט ער נישט, ווײַל איר האָט אים זײַן הימל,
זײַן כסא-הכבוד פֿאַרפֿלעקט?
און ערגעץ פֿון אײַער גערויש און געטומל,
אויף אייביק פֿאַר אײַך זיך פֿאַרשטעקט?

ייִדעלעך, הייליקע! הערט אויף צו קלאָגן!
אומזיסט איז אַ יעדערע טרער,–
די סליחה פֿאַרמאַכט, נעמט אײַך קדיש צו זאָגן,
אײַער טאַטע, - ער הערט אײַך נישט מער! ...

## שטערן-סאָרטן

זאָג מיר, מאַמע, וואָס דאָרט אויבן
שײַנט און פֿינקלט? זאָל איך גלויבן,
וואָס אין חדר איך פֿלעג הערן,
אַז יעדער מענטש האָט דאָרט אַ שטערן?

– יאָ, מײַן זונדל, נאָר אויך דאָרטן–
זענען שטערן דאָ פֿיל סאָרטן:
זעסט, צוויי שטערן? קוק דאָרט ווײַטער ...
איינער טריב, עס שײַנט דער צווייטער–
וואו, למשל, דו מײַן קליינער,
און אונדזער ווירטינס זון דער שיינער.

דאַן געהערט, כ׳מעג אויך דאָס גלויבן?
גאָט דער גוטער, וואוינט דאָרט אויבן.
די לבֿנה איז זײַן שכינה,–
און זי שײַנט דאָרט לויט זײַן מינע? ...

– יאָ מײַן קדיש, מעגסט עס גלייבן,
זאָלסט אים אייביק, אייביק לויבן;
גאָט ווייסט אַלץ, וואָס מיר דאָ קלערן,
גאָט באַשאַפֿט דאָס דאָרט די שטערן,
גאָט באַשאַפֿט די מענטשן אַלע ...

– מוטער! ...
– שווײַג, מײַן קינד, פֿרעג מער קיין שאלה! ...

## פֿון וואַנען?

פֿון וואַנען קומט דער שטורעם-ווינט
וואָס רײַסט אויף ביימער, בלומען?–
ער קומט פֿון הימל. דאָרט, מײַן קינד,
ער קומט פֿון הימל. דאָרט, מײַן קינד,
וואוינט גאָט, זײַן ליבער נאָמען.

און דער דונער, וואָס אין פֿעלד,
דעם טאַטן האָט דערשלאָגן?
אויך פֿון הימל ... גיי, מײַן וועלט,
ס'איז שפּעט, דאַרפֿסט קדיש זאָגן.

## אין פֿאַבריק

אײַל זיך, אײַל זיך, לויף געשווינדער!
ס׳פֿײַפֿט אויף דיר שוין די פֿאַבריק:–
בליק נאָך איין מאָל אויף די קינדער,
דען ס׳קען זײַן דער לעצטער בליק.

דאָרט די רעדער, די מאַשינען
אָן דיר שטייען טויט און קאַלט:
נאָר דײַן שווייס קום הייבט אָן רינען,
וועקט צום לעבן זיי אויף באַלד.

אײַל זיך, אײַל זיך, נישט פֿאַרשלאָפֿן!
גיב זיי לעבן, גיב זיי קראַפֿט–
הערסט נישט ווי די רעדער רופֿן?
אַרבעט, אַרבעט, נאָר געשאַפֿט!

ווען דו שטייסט בײַ די מאַשינען,
דענקט נישט אָן דער שיינער וועלט;
ווען דײַן קינד פֿאַרנעמט דײַן זינען,
טרײַב עס, דען ס׳קאָסט צײַט, ס׳איז געלט.

ווען דו שטייסט בײַ די מאַשינען,
דרויסן שײַנט די זון, אַ פֿרייד!
דאַרפֿסט אויף איר קיין בליק זיך גינען,
יעדער בליק פֿאַרנעמט דיר צײַט.

ווען דו שטייסט בײַ די מאַשינען,
פֿלוצלונג פֿילסטו, דיר ווערט נישט גוט;
אָנשטאָט שווייס, הייבט אָן צו רינען
גאַנצע שטראָמען זודיק בלוט–

ווייס אַז מער וועסט זיך נישט פּלאָגן!
האָסט, שוין אָפּגעדינט דײַן צײַט,
יאָרן-לאַנג דעם יאָך געטראָגן,
ענדלעך, ענדלעך – זיך באַפֿרײַט ...

אײַל זיך, אײַל זיך, לויף געשווינדער!
ס׳פֿײַפֿט אויף דיר שוין די פֿאַבריק;–
בליק נאָך איין מאָל אויף די קינדער,
דען ס׳קען זײַן דער לעצטער בליק.

## אונטער גייט די וועלט

הערט, איר מענטשן! – כ׳קום אײַך זאָגן,
איר דאַרפֿט זיך שוין מער נישט שלאָגן,
נישט מער מוטשען זיך, נישט יאָגן:–
נאָך דעם מיאוסן געלט ...

גאָט דער הערשער איז געוואָרן
אויף אײַך מענטשן שטאַרק אין צאָרן;
בײַ זײַן טראָן האָט ער געשוואָרן:
אונטער גייט די וועלט ...

גאָט האָט אײַך צו לאַנג געשוויגן,
זיך געלאָזט פֿון אײַך באַטריגן:
אײַער פֿרעכקייט איז געשטיגן
ביז צו זיין געצעלט.

און פֿון כעס זײַן קרוין צעביסן,
און פֿון שאַנד די זון צעריסן;
אויסגעדונערט: הערט, זײַט וויסן!–
אונטער גייט די וועלט ...

## ערב יום-כּיפּור

אַ מתּנה מײַן ליבן פֿרײַנד
משה לייב שטערנפֿעלד
און זײַן ליב ווײַבל שרהלע

ערב יום-כּיפּור, טריבלעך אין גאַס,
די זון רויט פֿון בושה, צי אפֿשר פֿון כעס
אַראָפּ ערגעץ נידערט–

דעם מערב-זײַט הימל צעברענט.
ס׳איז ערב יום-כּיפּור, נאָך מנחה פֿאַרנאַכט,
און דאָ שטייען שולן ווי תּפֿיסות פֿאַרמאַכט,
אויף זייערע טויערן
די שלעסער ווי קייטן אויף הענט.

ערב יום-כּיפּור, שוין מערבדיק נאַכט,
די ייִדישע געסלעך פֿון שונא באַוואַכט,
ווי קינדער פֿאַרשעמטע
פֿאַרחידושטע שטייען אַצינד,
– געוואוינט איצט פֿון שולן צו הערן געזאַנג–
דערהערן פֿון זעלנערישע שטיוול דעם גאַנג,
דאָס קנאַל פֿון ביקסן,
דאָס סקאַמלען פֿון היימלאָזע הינט.

ערב יום-כּיפּור – ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג?–
אין ייִדישע גאַסן אַ טומל, אַ דראַנג
פֿון אַלע זײַטן ראָגן,
דער עולם צום דאַוונען שפּאַנט,
די בענק און די שטענדערס אין שולן באַזעצט–
הײַנט שטייען זיי ליידיק, פֿאַרשעמט און פֿאַרלעצט
זינט הונדערטער יאָרן
דאָס ערשטע מאָל הײַנט אַזאַ שאַנד.

ערב יום-כּיפּור! אַ מנין די צאָל
פֿאַרשפּאַרט אין אַ שטוב ווי אין שפּאַניע אַמאָל,
געהילט אין טליתים –
אין דרויסן שטייט איינער און היט,
בײַם שײַן פֿון אַ יאָרצײַט, וואָס ברענט אויף דער שאַנק,
דערהערט זיך אַ קול, אַזאַ טרויעריק געזאַנג,
דערהערט זיך דאָס ליד,
דאָס אַלטע מאָראַלישע ליד,
אוי, אוי-אוי, אוי-אוי, וויי! אוי, וויי
כּל-נדרי!

קראָקע, 25 נאָוועמבער 1939

# שיפּרעלעס פּאָרטרעט

אויף דער וואַנט לינקס פֿון מײַן בעט
הענגט מײַן טאָכטער  שיפּרעלעס פּאָרטעט.
אָפֿט מאָל אין דער מיט דער נאַכט,
ווען איך בענק נאָך איר און טראַכט,
זע איך, ווי זי קוקט אויף מיר,
הער איך, ווי זי רעדט ...

טאַטערשי! כ׳ווייס, ס׳איז דיר באַנג,
ס׳וועט דער קריג שוין נישט געדויערן לאַנג,
קומען וועל איך באַלד צו דיר,
ס׳קלאַפּט דער פֿרילינג שוין אין טיר,
שמייכלט ליב צו מיר און רעדט
שיפּרעלעס פּאָרטרעט ...

קראָקע, 2 דעצעמבער 1939

## ס׳טוט וויי ...

ס׳טוט וויי!
ס׳טוט וויי שרעקלעך וויי!
נישט אַזוי דער האַס,
וואָס אין שונא ברענט.
אַפֿילן נישט די קלעפּ
פֿון ווילדן שונאס הענט,
נישט דער מגן-דוד
אויף דער האַנט.
אַ שאַנד!
אויף דורות לאַנג,
אַ שאַנד!
וועט דאָס זײַן פֿאַר זיי.

ס׳טוט וויי!
ס׳טוט וויי שרעקלעך וויי!
ווען נישט דער פֿרעמדער שונא,
נאָר זיי!
פּוילנס זין און טעכטער,
וועמעס לאַנד אַמאָל
וועט שעמען זיך מיט זיי,
לאַכן, קײַכן פֿון געלעכטער,
זעענדיק אין גאַס,
ווי אונדזער ביידנס שונא
טרײַבט מיט ייִדן שפּאַס.
שלאָגט און פּײַניקט אַלטע לײַט,
פּלינדערט אומגעשטערט,
שנײַדט אַזוי ווי ברויט מען שנײַדט
ייִדן אָפּ די בערד ...
און זיי!
וואָס זײַנען איצט ווי מיר
געבליבן אָן אַ לאַנד,
וואָס פֿילן איצט ווי מיר
דעם ווילדן שונאס האַנט,
לאַכן, פֿרייען זיך און לאַכן
אין אַזאַ מאָמענט.
ווען פּוילנס שטאָלץ און כבוד
ווערט אַזוי געשענדט.
ווען פּוילנס ווײַסער אָדלער
וואַלגערט זיך אויף דער ערד,
צווישן בערד.
שוואַרצע, גרויע האָר
פֿון ייִדנס בערד–
איז דאָס נישט אַ שאַנד
אַן אייביקער פֿאַר זיי?
איז דאָס נישט אַליין
אין פּנים זיך אַ שפּײַ?
ס׳טוט וויי!
שרעקלעך טוט עס וויי!!!

קראָקע, פֿעברואַר 1940

# בלײַב געזונט מיר, קראָקע!

בלײַב געזונט מיר, קראָקע!
בלײַבט זשע מיר געזונט.
ס׳וואַרט די פֿור געשפּאַנט שוין פֿאַר מײַן הויז,
ס׳טרײַבט דער ווילדער שונא,
ווי מען טרײַבט אַ הונט,
מיט אכזריות מיך פֿון דיר אַרויס.

בלײַב געזונט מיר, קראָקע!
איך זע זיך אפֿשר הײַנט
ס׳לעצט מאָל מיט אַלץ וואָס ליב איז מיר,
אויף מײַן מאַמעס קבר
ס׳האַרץ זיך אויסגעוויינט,
שווער געווען דאָס שיידן זיך מיט איר.

אויסגעוויינט די אויגן
ביז דער לעצטער טרער,
באַנעצט מיט זיי דעם טאַטנס קאַלטן שטיין ...
כ׳האָב דעם זיידנס קבר
נישט געפֿונען מער,
עס מוז שוין זאַמד פֿון זײַן מצבה זײַן ...

בלײַב געזונט מיר, קראָקע!
הייליק איז דײַן ערד,
טאַטע-מאַמע רוען דאָך אין איר.
לעבן זיי צו ליגן
איז מיר נישט באַשערט,
ס׳וואַרט אַ קבר ערגעץ ווײַט אויף מיר ...

בלײַב געזונט מיר, קראָקע!
בלײַבט זשע מיר געזונט.
ס׳וואַרט די פֿור געשפּאַנט שוין פֿאַר מײַן הויז,
ס׳טרײַבט דער ווילדער שונא,
ווי מען טרײַבט אַ הונט,
מיט אכזריות מיך פֿון דיר אַרויס.

קראָקע, 24 אָקטאָבער 1940

## איך האָב שוין לאַנג ...

איך האָב שוין לאַנג, שוין זייער לאַנג,
נישט געהערט קיין פֿידל-קלאַנג,
נישט געזונגען, ווי איך פֿלעג אָפֿט,
קענטיק, אַז מײַן מוזע שלאָפֿט.

כ׳האָב דערפֿאַר זיך אָנגעהערט
דאָס געזאַנג פֿון ביקס און שווערד,
פֿון באָמבאָװוצעס דאָס געברום,
זום-זום-זום, בום-בום-בום.

כ׳האָב געהערט און איך הער נאָך היינט
ווי אַלץ יאָמערט, קלאָגט און וויינט,
צו פֿון הונגער, נויט און פּײַן–
איין יללה, איין געוויין ...

ס׳וויינט אַ מאַמע, וויינט זי בלינד,
נאָך אַ זון, איר איינציק קינד,
טראָגט אַרום בײַ זיך אין טאַש,
פֿון זײַן גוף אַ ביסל אַש.

ס׳וויינט אַ פֿרוי, אַ יונגע פֿרוי,
פֿון פֿיל צרות אַלט און גרוי,
צוגענומען איז דער מאַן–
און קיין שפּור פֿון אים פֿאַראַן.

ס׳וויינען פֿעלדער, ס׳וויינט דער וואַלד,
נאָך יעטוועדן מענטש, וואָס פֿאַלט,
איין געוויין אויף גאָר דער וועלט,
נאָר דער טײַוול לאַכט און קוועלט.

איך האָב שוין לאַנג, שוין זייער לאַנג,
נישט געהערט קיין פֿידל-קלאַנג,
נישט געזונגען, ווי איך פֿלעג אָפֿט,
קענטיק, אַז מײַן מוזע שלאָפֿט.

שלאָף מײַן ליבע! רו זיך אויס,
ווי דאָס קינד אין מאַמעס שויס,
וואָס נישט פֿילט און וואָס נישט הערט,
דאָס געזאַנג פֿון ביקס און שווערד.

ווען ס׳וועט ענדלעך ווערן שטום
פֿון באָמבאָװוצעס דאָס געברום,
פֿון געפּלאָגטע – דאָס געוויין,
פֿרידן אויף דער וועלט ס׳וועט זײַן.

דאַן דערוואַכט! און מיט גרויס פֿרייד,
ווי דער פֿויגל פֿרילינגס-צײַט,
ווען דאָס ערשטע בלימל בליט–
זינג מײַן ליד! מײַן פֿרילינגס-ליד!

לאַגיעוויניקי, יאַנואַר 1941

## געהאַט האָב איך אַ היים ...

געהאַט האָב איך אַ היים, אַ וואַרעם שטיקל רוים,
אַ ביסלווירטשאַפֿט, ווי ביַי אָרעמע ליַיט,
צונויפֿגעבונדן פֿעסט די וואָרצלען צו אַ בוים
האָב איך זיך מיט מיין ביסל אָרעמקייט.

געהאַט האָב איך אַ היים, אַ שטיבל און אַ קיך–
און שטיל געלעבט אַזוי זיך יאָרן לאַנג,
געהאַט פֿיל גוטע פֿריַינד, חבֿרים אַרום זיך,
אַ שטיבל פֿול מיט לידער און געזאַנג.

געקומען זיַינען זיי מיט שנאה, האַס און טויט,
מיַין אָרעם שטיקל היים וואָס איך פֿאַרמאָג,
וואָס איך מיט שווערע מי האָב יאָרן לאַנג געבויט,
פֿאַרניכטעט האָבן זיי דאָס אין איין טאָג.

געקומען זיַינען זיי, ווי קומען וואָלט אַ פעסט,
אַרויסגעיאָגט פֿון שטאָט מיט וויַיב און קינד,
געבליבן אָן אַ היים, ווי פֿייגל אָן אַ נעסט
נישט וויסנדיק פֿאַר וואָס, פֿאַר וועלכע זינד?

געהאַט האָב איך אַ היים, איצט האָב איך זי נישט מער,
אַ שפּיל געווען פֿאַר זיי מיַין אונטערגאַנג–
איך זוך איצט אַ ניַיע היים, נאָר שווער – אוי זייער שווער
און כ׳ווייס נישט וואו – און כ׳ווייס נישט אויף ווי לאַנג.

לאַגיעווניקי, מאַי 1941

## אַ זוניקע שטראַל

אַ זוניקע שטראַל איז אַרויף אויף מײַן בעט,
פֿון ליבינקען פֿרילינג דער ערשטער שטאַפֿעט,
און צערטלעך גענומען מיך װעקן,
שטײ אויף, מענטש, עס טאָגט שוין, דער האָן געקרײט!
דער פֿרילינג, דער מלך פֿון ליבע און פֿרייד,
ער קומט אָן פֿון אַלע פֿיר עקן ..

שטײ אויף – מענטש! עס טאָגט שוין דער שטראַל צו מיר רעדט–
און װאַרעם – מיט ליבע מיך צערטלט און גלעט,
אַרויס גײ, פֿאַרשפּרייט די ידיעה,
ס׳װעט באַלד און גיך קומען אויף װאַלד און פֿעלד,
אויף אַלע מין פֿייגל, אויף מענטש און אויף װעלט,
די לאַנג שוין דערװאַרטע ישועה.

שטײ אויף – מענטש, עס טאָגט שוין דער שטראַל צו מיר רעדט–
און װאַרעם – מיט ליבע מיך צערטלט און גלעט,
דער פֿרילינג, דער אָנזאָג פֿון פֿרידן,
באַלד װעט פֿון זײַן בליק זיך צעבליען דאָס פֿעלד
און ליכטיק און פֿרײַ װעט באַלד װערן די װעלט–
פֿאַר אַלע! און אויך פֿאַר אײַך, ייִדן.

לאַגיעװניקי, מאַי 1941

## מיין חלום ...

כ׳האָב געהאַט אַ זיסן חלום,
כ׳פֿיל נאָך איצט, ווי ס׳האַרץ מיר קוועלט,
ס׳איז שוין פֿרידן! ס׳איז שוין שלום!
שלום אויף דער גאַנצער וועלט.

אַ געזאַנג אין אַלע גאַסן,
ס׳טאַנצן קינדער, אַלטע לײַט,
און אין רייען ציען מאַסן–
און זיי זינגען פֿול מיט פֿרייד.

ס׳איז שוין שלום, ס׳איז  שוין פֿרידן,
נעכטן שונאים, הײַנט שוין פֿרײַנד,
מער פֿון אַלע זינגען ייִדן,
זייער גרעסטער יום-טובֿ הײַנט.

עפּעס ווי משיחס צײַטן,
מענטש צו מענטש איז גוט און מילד,
פּלוצלונג הער איך קלינגען קייטן–
און איך דערזע אָט אַזאַ בילד.

אין אַ שטײַג געשמידט אין אײַזן
ליגט אַ נאַקעט מאַנס געשטאַלט
ענלעך צו אַ ווילדן, בייזן,
הונגעריק ווי אַ וואָלף אין וואַלד ...

מענער, פֿרויען, קינדער קליינע,
ווער נאָר עס גייט פֿאַר אונדז פֿאַרבײַ,
ווי עפּעס אַ נבֿלה
גיט אין שטײַג אַרײַן אַ שפּײַ.

און מיט לוסט און פֿאַרגעניגן
אויף זײַן פּרצוף שפּײַען זיי,
און אַ מחנה בייזע פֿליגן
רויען זיך אין דעם געשפּײַ.

שפּײַען, שפּײַען! הער איך שרײַען ..
ער האָט אונדזער וועלט פֿאַרסמט,
אייביק ווי דער נאָמען קין
זאָל זײַן נאָמען זײַן פֿאַרסמט ...

שפּײַען, שפּײַען! הילכט אין גאַסן
ס׳ווידער קול פֿון דעם געשריי–
און פֿאַרבײַ אים ציען מאַסן,
יעדער גיט אויף אים אַ שפּײַ.

איך האָב דאָס בילד געזען אין חלום
נאָר איך האָף אין גיכן גאָר,
אַז מײַן שיינער זיסער חלום
וועט בקרוב ווערן וואָר.

לאַגיעוואניקי, מאַי 1941

## גלאָקן קלאַנג

קלינגען די גלאָקן
ג-ל-י-נ-ג-ל-אַ-נ-ג
ג-ל-י-נ-ג-ל-אַ-נ-ג
ווי ס׳וואָלט ווער זיך פֿרעגן,
ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג?
ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג?
וועט מענטשן זײַן אַ חיה,
וועט מענטשן זײַן אַ שאַנד,
וועט מענטשן זײַן אַ הפֿקר
בײַם טײַוול אין האַנט.
ווי לאַנג נאָך?
ווי לאַנג זײַן ממשלה?

קלינגען די גלאָקן
ג-ל-י-ן ג-ל-אַ-נ-ג
ג-ל-י-ן ג-ל-אַ-נ-ג
ווי ס׳וואָלט ווער גענטפֿערט,
נישט לאַנג שוין, נישט לאַנג!
נישט לאַנג שוין, נישט לאַנג!
וועט הוליען דער טײַוול,
וואָס אים נאָר אַ דאַנק
די וועלט שטייט אין פֿלאַמען.
גלין-גלאַנג-גלין-גלאַנג
נישט לאַנג שוין!
עס קומט זײַן מפּלה!

לאַגיעווניקי, אָקטאָבער 1941

## אַ טאָג פֿון נקמה!

און איך זאָג אײַך, ברידער, געדענקט, וואָס איך זאָג!
די איינציקע טרייסט און נחמה.
ס׳וועט קומען, איר הערט? ס׳וועט קומען אַ טאָג.
וואָס וועט פֿאַר אונדז נעמען נקמה!

נקמה פֿאַר אונדזערע ליידן און פּײַן,
פֿאַר בלוט, וואָס די שונאים פֿאַרגיסן,
נקמה פֿאַר די, וואָס פֿון זייער געביין,
וועט קיין מאָל קיין מענטש זיך דערוויסן,

נקמה פֿאַר מעשים אין סדום נישט געהערט.
פֿאַר מאַמעס, יתומים, אלמנות,
נקמה וועט שרײַען אַרויס פֿון דער ערד,
דאָס בלוט פֿון מיליאָנען קרבנות.

דער מענטש וועט דערוואַכן קיין ספֿק נישט מער,
דערזען דעם גרויל פֿון מלחמה.
ווי אונדזערס אַ נביא אַ הילך טאָן וועט ער:
נקמה! כ׳וועל נעמען נקמה!

ס׳וועט קומען דער טאָג, יאָ, איך האָף און גלויב,
איך זע, ברידער, זײַן אָנקום פֿון ווײַטן
און ברענגען וועט ער אונדז ווי נחס אַ טויב
אַ בשורה פֿון פֿרידלעכע צײַטן.

לאַגיעווניקי, 5 יאַנואַר 1942

## זון, זון, זאַנג

טראָגט זיך אַ געזאַנג,
קינדערלעך, זײַט פֿריילעך הײַנט.
טאַנצט און קוועלט.
פֿרילינג אויף גאָטס וועלט,
זעט, ווי ליב די זון האָט אויפֿגעשײַנט.
פֿעלד און וואַלד שוין גרינט און בליט–
און דער פֿויגל זינגט מיט פֿרייד זײַן ליד.
זון, זון, זאַנג,
טראָגט זין אַ געזאַנג,
ס׳ערשטע פֿרילינג ליב-האַרציקע ליד.

קראָקע-געטאָ פֿרילינג 1942

## אונדזער פֿרילינג!

פֿרילינג אויף ביימער, אין פֿעלד און אין וואַלד,
נאָר דאָ אין געטאָ איז האַרבסטיק און קאַלט.
נאָר דאָ אין געטאָ איז האַרבסטיק און טריב.
ווי ביַי אַן אבל אין שטוב.

פֿרילינג! אין דרויסן שוין פֿעלדער פֿאַרזייטע.
דאָ אַרום אונדז האָט זיך יאוש פֿאַרשפּרייט.
דאָ אַרום אונדז שטייען מויערן באַוואַכט.
ווי פֿאַר אַ תּפֿיסה ביַי נאַכט.

פֿרילינג – שוין פֿרילינג – באַלד קומט אָן דער מאַי.
נאָר אין דער לופֿט פֿילט זיך פּולווער און בליַי.
ס׳אַקערט דער תלין זיַין בלוטיקע שווערד.
איין גרויס בית  עולם – די ערד.

קראָקע-געטאָ מאי 1942

## אין געטאָ

גלײַך ווי די טריט אויף אַ זאַמדיקן וועג
פֿון מחנות פֿאַרמאַטערטע קנעכט,
ציען אין געטאָ זיך אונדזערע טעג.
אונדזערע שלאָפֿלאָזע נעכט ...

ציען די שעהן זיך שווערער ווי בלײַ,
מינוטן פֿול אימה און שרעק.
בעט מען דער טאָג זאָל כאָטש זײַן פֿאַרבײַ,
די נאַכט זאָל בשלום אַוועק.

שלאָפֿט מען נישט גאָר, נאָר מען האָרכט און מען וואַכט,
פֿאַלט עפּעס שרעקלעכעס אײַן.
אויף וועמען וועט פֿאַלן דער גורל די נאַכט.
זייערס אַ קרבן זײַן ...

ליגט מען אַזוי און די אימה איז גרויס
הערנדיק סקריפּען אַ טיר,
ציטערט דאָס האַרץ, ווען פֿון הונגער אַ מויז
גריזשעט אַ שטיקל פּאַפּיר.

שטאַרבט אָפּ איין אבר, ווען ס׳טראָגט זיך אַרום
אין הויף מיט פּאַפּירלעך דער ווינט.
געזעגנט מען זיך אָן שום לשון, ווי שטום–
מיט מאַמעס, מיט ווײַב און מיט קינד.

און אַזוי ליגט מען, אין אימה און שרעק,
געיאָגט און דערנידעריקט ווי קנעכט–
און אַזוי ציען זיך אונדזערע טעג,
אונדזערע שלאָפֿלאָזע נעכט.

קראָקע-געטאָ, מאַי 1942

## מינוטן פֿון יאוש

אַ יאָר שוין מלחמה
ווי שרעקלעך ווי גרויס
ווי לעבט מען דאָס איבער
ווי האַלט מען דאָס אויס.

אַ יאָר פֿון רדיפֿות
פֿון צרות פֿון פּײַן
וואָס וועט פֿון אונדז ווערן
וואָס וועט פֿון אונדז זײַן.

אומזיסט אונדזער בעטן
ס׳דערגרײַכט נישט גאָטס צעלט
דער הימל פֿאַרשלאָסן
ווי דאָס האַרץ פֿון דער וועלט.

דער הימל פֿאַרשלאָסן
און מרהדיק שוואַרץ
עס הייבן אָן ספֿקות
צו נאָגן מײַן האַרץ.

עס הייבן אָן ספֿקות
אַנטפּלעקן דעם סוד
נישטאָ מער קיין יושר
נישטאָ מער קיין גאָט.

קיין שטיקל נחמה
נאָר צרות און פּײַן
וואָס וועט פֿון אונדז ווערן
וואָס וועט פֿון זײַן.

## די מאַמע

די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט, כ´זאָל יאַנקעלע פֿארוויגן
די מאַמע שטייט אַ גאַנצן טאָג מיט בייגעלעך אין גאַס;
זע, לאה´לע, האָט זי געזאָגט, דאָס קינד זאָל נאַס נישט ליגן,
און מאָטל זאָל אין שולע גיין, נישט לויפֿן פּוסט-און-פּאַס.

זיץ איך מיר און וויג דאָס קינד,
פֿריילעך איז אין הויף אַצינד,
לידלעך און געלעכטערלעך הערן זיך אַרויף;
יאָסעלע און בערעלע,
חוה´לע און פּערעלע,
רופֿן מיך: "קום, לאה´לע, אַראָפּ צו אונדז אין הויף!"

די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט, כ´זאָל ס´קעפּל מיר אויסוואַשן,
ס´איז פֿרײַטיק הײַנט, האָט זי געזאָגט, כ´קום שפּעט אַהיים פֿון גאַס;
און פּרעס דיר אויס דײַן קליידעלע, דאָס רויטע, מיט די פּאַסן,
יאָ, ס´רויטע, ווײַל דײַן פּנימל איז, נעבעך, אַזוי בלאַס.

גייט די מאַמע נאָר אַרויס,
וואַש איך מיר דאָס קעפּל אויס,
פּרעס איך מיר מײַן קליידעלע, מיט די מעשלעך צוויי;
יאָסעלע און בערעלע,
חוה´לע און פּערעלע,
רופֿן מיך, אוי, ווילט זיך מיר אַראָפּ אין הויף צו זיי!

די מאַמע האָט מיר צוגעזאָגט, זי וועט דערפֿאַר מיר קויפֿן
אויף שבת אַ פּאָר שיכעלעך, ווײַל באָרוועס איך שוין גיי;
נאָר שוין זיי אָפּ, האָט זי געזאָגט, דו זאָלסט אַרום נישט לויפֿן,
ווײַל שווער קומט אָן דעם אָרעמאַן ביז ער פֿאַרדינט אויף זיי.

שלאָגט דער זייגער דרויסן, פֿיר,
קלאַפּט דער שבה שוין אין טיר,
ברענגען וועט די מאַמע באַלד שיכעלעך אַרײַן;
יאָסעלע און בערעלע,
חוה´לע און פּערעלע,
וועלן זען די שיכעלעך און מיך מקנא זײַן.

שוין שבת באַלד, די מאַמעניו איז נאָך אַלץ נישט געקומען,
האָט אפֿשר דער פּשאָראָווניק זי אַראָפּגעפֿירט פֿון גאַס?
אויך יענע וואָך, נישט הײַנט געדאַכט, האָט ער איר צוגענומען
דאָס קערבעלע מיט בייגעלעך, געמוזט נאָך צאָלן קנס.

עפֿן איך מיר ס´פֿענצטער אויף
וויין ... און קוק אַראָפּ אין הויף,
ליכטיק אַלע פֿענצערלעך, נאָר בײַ אונדז - אוי, וויי!
יאָסעלע און בערעלע,

חוה´לע און פּערעלע,
זינגען לידלעך, פֿרייען זיך, מקנא בין איך זיי ...

# די מאַמע

מרדכי געבירטיג



## בײַ גבֿירים אַ דינסטמויד צו זײַן

אַזוי ווי ס´איז ביטער אַרומצוגיין לער,
פֿון הונגער פֿאַרביסן די ציין ;
אַזוי איז אויך ביטער, און אפֿשר נאָך מער,
בײַ גבֿירים אַ דינסטמויד צו זײַן.

טראַ-לאַ-לאַ-לאַ ...

אַזוי ווי עס בוכעט פֿון אויוון אַ פֿלאַם,
ווען ס´בדאָטן זיך געגדזלעך אַ פּאָר;
אַזוי בוכעט ס´האַרץ, ווען סע שרײַט  די מאַדאַם:
"די מויד פֿרעסט און טויג נישט צו גאָר!"

טראַ-לאַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ-לאַ

,אַזוי ווי זי טשעפּעט און קריגט זיך מיט מיר
ווען איך שמיר מיט שמאַלץ מיר דאָס ברויט ;
אַזוי טוט אויך טשעפּען מײַן הער זיך צו מיר,
כ´בין, זאָגט ער, אַ טײַערע מויד.

טראַ-לאַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאָ-לאַ ...

אַזוי ווי איך האַס אים, איך טרײַב אים און שעלט
ווען ער טרעפֿט אַליין מיך אין שטוב;
אַזוי וואָלט איך הײַנט נאָך חופּה געשטעלט
מיט דעם, וואָס איך האָב אַזוי ליב.

טראַ-לאַ-לאַ-לא, טראָ-לאַ-לאַ-לאַ

# בײַ גבֿירים אַ דינסטמויד צו זײַן

מרדכי געבירטיג



## אַ לידעלע, טײַער ווי גאָלד

און איצט וועל איך, קינד-לעב, דיר זינגען
אַ לידעלע, טײַער ווי גאָלד;
דאָס לידעלע איז פֿון אַ ייִנגל,
וואָס האָט נישט גאָר שלאָפֿן געוואָלט.

איַ-ליו-ליו, איַ-ליו-ליו-ליו,
איַ-ליו-ליו, איַ-ליו-ליו-ליו.

דאָס לידעלע איז פֿון אַ ייִנגל,
אַ שיינינקער, שלעכט אויך דערצו,
וואָס לאָזט אויך זיין מאַמען נישט שלאָפֿן,
וואָס האַלט אין איין וויינען, ווי דו.

איַ-ליו-ליו, איַ-ליו-ליו-ליו,
איַ-ליו-ליו, איַ-ליו-ליו-ליו.

קומט איין מאָל, ווי עפּעס פֿון הימל,
אַ זינגער אין שטיבל אַרײַן,
און גיט אַ רפֿואה  אַ לידל,
וואָס שלעפֿט תּיכף קינדערלעך אײַן.

איַ-ליו-ליו, איַ-ליו-ליו-ליו,
איַ-ליו-ליו, איַ-ליו-ליו-ליו.

האָט מאַמע גענומען אים זינגען
דאָס לידעלע, טײַער ווי גאָלד;
איז באַלד אײַנגעשלאָפֿן דאָס ייִנגל,
וואָס האָט נישט גאָר שלאָפֿן געוואָלט.

איַ-ליו-ליו, איַ-ליו-ליו-ליו,
איַ-ליו-ליו, איַ-ליו-ליו-ליו.

איצט וועל איך דאָס לידל דיר זינגען,
נאָר מאַך, ווי יענץ ייִנגעלע, צו
די ליבטיקע אייגעלעך דײַנע,
אַ-ליו-ליו, ליו. און שלאָף זשע מיר, אַ

איַ-ליו-ליו, איַ-ליו-ליו-ליו,
איַ-ליו-ליו, איַ-ליו-ליו-ליו.

# אַ לידעלע, טײַער ווי גאָלד

מרדכי געבירטיג

**Moderato**



## קער, בעזעמל, קער

אויפֿגערוימט דאָס שפּײַזע-צימער,
יעדעס ווינקל בלענט;
מײַן מאַדאַם זאָגט, כ׳בין אַ פֿוילע,
כ׳האָב געליימטע הענט.

קער, בעזעמל, קער!
אוי, אויפֿן האַרץ איז שווער,
זײַן פֿאַר זיך שוין אַ בעל-הביתטע -
בעט איך אָן אויפֿהער;
קער, בעזעמל, קער!

אויפֿגערוימט דאָס הערן-צימער,
ס׳קוקט אויס ליכטיק, ריין;
מײַן בעל-הבית זאָגט, כ׳בין אַ שלומפּער,
כ׳וועל גישט לאַנג דאָ זײַן.

קער, בעזעמל מײַן!
אוי, גאַנצע נעכט איך וויין,
כ׳וואַרט און וואַרט אויף מײַן באַשערטן,
ווען וועט דאָס שוין זײַן?
קער, בעזעמל מײַן!

אויפֿגערוימט דעם זון דאָס צימער,
קוקט ער אויף מיר ליב;
קוועלט און זאָגט, איך בין אַ בריה,
ס׳פֿינקלט אַלץ אין שטוב.

קער, בעזעמל, קעד!
אַ שיינער יונג איז ער!
אָט פֿון אַזאַ שיינעם בחור
טראַכט איך אָן אויפֿהער;
קער, בעזעמל, קער!

ביידע מיר דערגיי׳ן די יאָרן,
נאָר דער זון איז וויל;
שטיפֿט מיט מיר און שיילט מיר ניסלעך
גלײַך אַרײַן אין מויל.
קער, בעזעמל מײַן!
דער זון איז וויל און פֿײַן!
די מאַדאַם איז אַ מכשפֿה,
דער בעל-הביה געמיין;
קער, בעזעמל מײַן!

ביידע ווילן מיך אַרויס טר
זאָגט דער זון צו זיי -
ער מיך ליבט און וועט מיך נעמען,
ווי איך שטיי און גיי.

קער, בעזעמל, קער!
איך וועל נישט דינען מער!
די מאַדאַם וועט זײַן מײַן שוויגער,
דער בעל-הבית מײַן שווער;
דערווײַל, בעזעמל, קער!

# קער, בעזעמל, קער

מרדכי געבירטיג

**Moderato**



## געוואַלד וועל איך שרײַען!

געוואַלד וועל איך שרײַען!
אוי, מענטשן, כ´וועל אַראָפּ פֿון זינען!
אַ מאַן האָב איך, וואָס קען נאָר קײַען
און קען קיין גראָשן נישט פֿאַרדינען.

נחמה האָט אַ מאַן,
און דבֿורה האָט אַ מאַן,
און הײַנט, ווער שמועסט, חיה-שרה;
בערל אַרבעט שווער,
אַבֿרום גייט אויך נישט לעד,
נאָר מיך האָט געטראָפֿן אַזאַ צרה.

אָט אַזוי טענה איך שוין גאַנצע יאָרן צוויי,
ס´לעבן מײַנס איז טרויעריק און גרוי;
און מײַן ליב מאַנעלע, ווען כ´בייזער זיך און שרײַ,
ענטפֿערט ער מיר רויִק, אָט אַזוי:

,ביסט, שׂרה´לע, גערעכט
איך ווייס, אַז ס´איז דיר שלעכט,
נאָר ווען טשעפּעסטו, אוי, וועמען?
וואָס בין איך שולדיק, וואָס,
אַז איך בין אַרבעטסלאָז?
אַ פֿײַער זאָל די וועלט שוין אַרומנעמען!
געוואַלד !!!

געוואַלד וועל איך שרײַען!
ס´איז נימאס מיר שוין ס´גאַנצע לעבן!
די קינדער, נעבעך, ווילן קײַען.
און כ´קען קיין שטיקל ברויט זיי געבן.

דער קרעמער יאָסל-בער,
עד וויל נישט באָרגן מער,
שוין מיד, זאָגט ער, פֿון דעם שר ײַבן;
די ווירטין: - דירה-געלט!
זי בייזערט זיך און שעלט,
און זאָגט, אַז זי וועט אונדז אַרויסטרײַבן.

אָט אַזוי טענה איך שוין גאַנצע יאָרן צוויי,
באַטריבט ווי איך, איז זעלטן ווו אַ פֿדוי;
און מיין ליב מאַנעלע, ווען כ´בייזער זיך און שרײַ,
ענטפֿערט ער מיר רויִק, אָט אַזוי:

ס´וועט קומען נאָך אַ צײַט,
ווען מיר, אָרעמע-לײַט,
מיר וועלן די וועלט גאָר איבערקערן!

אוי, גליקלעך וועט זיין דאַן,
אַיעדער אָרעמאַן -
די בעלי-בתים וועלן מיר דאַן ווערן!
געוואַלד!!!

געוואַלד וועל איך שרײַען!
מען רעדט אַזעלכע נאַרישקייטן!
אוי, וואָס זשע, פֿרעג איך, וועלן מיר קײַען,
ביז קומען וועלן יענע צײַטן?

די ייִדן, טעגה איך,
זיי טרייסטן, נעבעך, זיך,
משיח וועט קומען צו רײַטן;
דערווײַל איז אָך און וויי,
געפּייניקט ווערן זיי,
דערווײַלע זענען טרויעריקע צײַטן.

אָט אַזוי טענה איך שוין גאַנצע יאָרן צוויי,
קיין ברויט אין שטוב, כאָטש נעם און קײַ שטרוי!
און מיין ליב מאַנעלע, ווען כ´בייזער זיך און שרײַ,
ענטפֿערט ער מיר רויק, אָט אַזוי:

אָט יענע שיינע צײַט
איז גאָרנישט אַזוי ווײַט,
ס´קען זײַן נאָך הײַנט, צי גאָר מאָרגן;
ברענג, שׂרהלע, מײַן קינד,
אַ ברויט אַרויף געשווינד,
זאָל יאָסל-בער הײַנט ס´לעצטע מאָל נאָך באָרגן!
געוואַלד!!!

# גערוואַלד וועל איך שרײַען!

מרדכי געבירטיג

**Moderato**



## היי, ציגײַנערל!

היי, ציגײַנערל! נעם דײַן פֿידעלע
מיט ציגײַנעריש געפֿיל!
פֿון מײַן ייִנגעלע, דיין ליב לידעלע
אויף דײַן פֿידעלע מיר שפּיל!
פֿון מײַן ייִנגעלע, דיין ליב לידעלע
שפּיל זשע, שפּיל, ציגײַנער, שפּיל!

רעפֿרען: אַ פֿאַרכּישופֿט פּאָרל
ווינט אין פֿידעלע,
מיט איין הערצל, איין געדאַנק;
ווערט פֿאַרשוועכט אַ ליבע,
ויינט דאָס פֿידעלע,
ס׳הערט זיך אָ טרויעריק געזאַנג.

שפּיל דײַן לידעלע, שפּיל אַ ביסעלע,
פֿון מײַן אומעט מיך באַפֿרײַ!
צו דײַן הערצעלע גיב אַ שליסעלע,
כ׳וויל זען, צי ס׳איז מיר נאָך טרײַ;
צו דײַן הערצעלע גיב אַ שליסעלע,
שפּיל זשע, שפּיל מיר פֿון דאָס נײַ!

רעפֿרען: אַ פֿאַרכּישופֿט כּלי
איז דאָס פֿידעלע,
אַ מכשפֿס אַ געדאַנק;
איינעם שפּילט עס אויף
אַ פֿריילעך לידעלע,
איינעם אַ טרויעריק געזאַנג.

גיב אַ שליסעלע, קריגסט אַ צווײַערל,
ס׳ווילט זיך ויסן, אָ, איך פֿיל,
צי אין הערצל דיינס ברענט נאָך ס׳פֿײַערל,
צי אין הערצל דאָרט איז קיל?
צי אין הערצל דיינס ברענט נאָך ס׳פֿײַערל,
שפּיל זשע, שפּיל, ציגײַנער, שפּיל!

רעפֿרען: אַ פֿאַרכּישופֿט פּאָרל ...

גיב אַ שליסעלע, אָרעמער וואַנדערער,
ס׳ווילט זיך ויסן, ס׳איז כּדאַי,
צי אין הערצל דײַנס ווינט אַן אַנדערער,
צי מיט מיר איז אַלץ פֿאַרבײַ?
צי אין הערצל דײַנס ווינט אַן אַנדערער,
שפּיל זשע, שפּיל מיר פֿון דאָס נײַ!

רעפֿרען: אַ פֿאַרכּישופֿט כּלי ...

הער, ציגײַנערל, שפּיל דײַן לידעלע
מיט ציגײינעריש געפֿיל!
דריק דיין בענקשאַפֿט אויס אויף דיין פֿידעלע,
וואָס איך אין מײַן האַרצן פֿיל;
דריק דײַן בענקשאַפֿט אויס אויף דײַן פֿידעלע,
שפּיל זשע, שפּיל, ציגײַנער, שפּיל!

רעפֿרען: אַ פֿאַרכּישופֿט פּאָרל ...

# היי, ציגײַנערל!

מרדכי געבירטיג



## טיק-טאַק

טיק-טאַק, טיק-טאַק, קלאַפּט מײַן האַרץ,
ס׳ווייסט וואָס דאָס באַטײַט -
פֿאָרסט אַוועק שוין, מלכּה׳לע,
איבער ימען ווײַט.

טיק-טאַק, טיק-טאַק, קלינגט אין האַרץ,
כ׳ווייס דעם זין פֿון קלאַנג;
ס׳וועט אָן דיר זײַן, מלכּה׳לע,
אומעטיק און באַנג.

פֿאָרסט אַוועק שוין, מלכּה׳לע,
איבער ימען ווײַט;
טיק-טאַק, טיק-טאַק, קלאַפּט מײַן האַרץ,
פֿאָר געזונטערהייט!

# טיק-טאַק

מרדכי געבירטיג

**Andante**



## אוי, מײַן חבֿר!

דו הויכער בוים, דו שטאָלצער,
אַ חבֿר ביסטו מיר;
איך זע מײַן פֿינצטער גורל,
ווען כ׳קוק זיך אײַן אין דיר.

אוי, מײַן חבֿר,
אונדזער פֿרילינג
איז שוין אָפּגעלעבט:
דיר דער ווינטער,
מיר די עלטער -
קבֿרות-בלימלעך וועבט.

די גרינע בלעטלעך דײַנע,
שוין געלבלעך ווערן זיי;
די האָר, די שוואַרצע מײַנע,
זיי זענען גראָ ווי בליי.
אוי, מײַן חבֿר ...

דער ווינטער האָט פֿאַר דיר שוין
אַ שנייוויַיס מתים-קלייד;
די עלטער האָט פֿאַר מיר שוין
תּכריכים אָנגעגרייט.
אוי, מײַן חבֿר ...

באַלד עקט זיך אונדזער זומער,
דער אָסיען קומט, איך שפּיר,
און דאָך, מײַן טרײַעד חבֿר,
איז ערגער מיר פֿאַר דיר,
אוי, מײַן חבֿר ...

די געלע בלעטלעך דיינע,
זיי רייסט דער ווינט אַראָפּ;
די גרויע האָר פֿאַרבלײַבן
אַ צירונג אויף מײַן קאָפּ.

אוי, מײַן חבֿר ...

און דאָך, מײַן טרײַעד חבֿר,
איז ערגער מיר פֿיל מער;
דײַן פֿרילינג קומט נאָך ווידער,
מײַן יוגנט קומט נישט מער ...

אוי, מײַן חבֿר ...

# אוי, מײַן חבֿר!

מרדכי געבירטיג



## אונדזער טאָכטער חיה

\- באַלד האָט חתונה אונדזער טאָכטער חיה,
כ´האָב צו דיר, אַבֿרהמל, אַ באַגער:
אַלץ וועט טאַנצן יענע טענץ, די נײַע,
אַחוץ וואַלצער קענען מיר נישט מער.
\- דאָס זאָל אונדזער דאגה זײַן אין גאַנצן!
זאָל די חופּה זײַן נאָר אויפֿגעשטעלט -
וועל איך מיט דיר אַחוץ וואַלצער טאַנצן,
סאַראַ טאַנץ דיר, דבֿורה, נאָר געפֿעלט.

רעפֿרען: לאָמיר זיך שוין, כלעבן, לערנען טאַנגאָ!
חיהלע, זאָל לעבן, שטאַרבט נאָך טאַנגאָ!
יעדער שריט האָט עפּעס אַ מין פֿאַרלאַנג,
די מוזיק איז ווי כּישוף-געטראַנק;
לאָמיר זיך אין איינעם לערנען טאַנגאָ,
ווייל פֿאַר אונדז זקנים איז נאָר טאַנגאָ,
עפּעס וועקט דער ניגון אויף פֿון דאָס נײַ,
פֿיל נחת און טרוימערײַ,
וואָס איז שוין פֿאַרבײַ.

\- חן און מזל זאָל האָבן בײַ אים חיה,
קען גוט טאַנצן אַלע טענץ, די נײַע,
אַ וווּל מיידל, שיין, באַטעמט און זיס;
אויסצוקושן זענען אירע פֿיס
\- און געבילדעט איז אויך אונדזער חיה,
רעדט גוט פּויליש, שרייבט אויף אַ מאַשין;
מוזיקאַליש, כ´זאָג דיר, אַ מחיה,
שפּילט אין טעניס און אויף מאַנדאָלין.

רעפֿרען: לאָמיר זיך שוין, ...

\- און איר חתן, ער איז פֿון די ספּאָרטמענער,
קען גוט שווימען, פֿעכטן מיט אַ שווערד;
שפּילט אין פֿוסבאַל, איז אַ גוטער טרענער,
היינט זיין לויפֿן, כ´זאָג דיר, ווי אַ פֿערד
\- און אַ גיבור, כ´האָב געהערט פֿון חיהן,
הייבט די שווערסטע לאַסט גלייך פֿון דעם אָרט ;
היינט אַ תּענוג איז צו זען אים קײַען,
די אַכילה איז זײַן ליבסטער ספּאָרט ...

רעפֿרען: לאָמיר זיך שוין, ...

# אונדזער טאָכטער חיה

מרדכי געבירטיג




54
נײַ דאָס פֿון אויף גון - ני דער וועקט פּעס-ע גאָטאַנ נאָר איז נים - ק
60
בײַ - פֿאַר שוין איז וואָס רײַ-מע - טרוי און חת - נ פֿיל

## האָב רחמנות

קאַלט און טריבלעך איז אין דרויסן,
ס׳רוישט און פּײַפֿט דער ווינט;
גאָט אין הימל, האָב רחמנות,
און באַשיץ מײַן קינד!

גאָט אין הימל, האָב רחמנות,
האַלט דײַן רעכטע האַנט
אויף מײַן קינד, וואָס זוכט און בלאָנדזשעט
ערגעץ אין אַ לאַנד.

צי ער שטייט אין מיטן אַקער,
גראָד אין מיטן שטעג;
צי ער ברעכט די האַרטע שטיינער,
בויט אַ נייעם וועג;

צי ער ליגט אין טאָל פֿאַרמאַטערט,
טראַכט און בענקט אַצינד;
גאָט אין הימל, האָב רחמנות
און באַשיץ מײַן קינד!

# האָב רחמנות

מרדכי געבירטיג



**Vögele der Maggid** (eBook)
Eine Geschichte aus dem Leben einer kleinen jüdischen Gemeinde
von Aaron David Bernstein, 1864, Lateinische Schrift
+ Vögele der Maggid für klassische Gitarre von Heinz-Gerhard Greve

**Mendel Gibbor** (eBook)
von Aaron David Bernstein, 1865, Lateinische Schrift
+ Mendel Gibbor für klassische Gitarre von Heinz-Gerhard Greve

**Die vierte Galerie** (eBook)
Ein Wiener Roman
von Oskar Rosenfeld, 1910, Lateinische Schrift
+ Die vierte Galerie für klassische Gitarre von Heinz-Gerhard Greve

**Tage und Nächte** (eBook)
Novellen
von Oskar Rosenfeld, 1920, Lateinische Schrift
+ Tage und Nächte für klassische Gitarre von Heinz-Gerhard Greve

**Mendl Ruhig** (eBook)
Eine Erzählung aus dem mährischen Ghettoleben
von Oskar Rosenfeld
+ Mendl Ruhig für klassische Gitarre von Heinz-Gerhard Greve

**Vom Cheder zur Werkstätte** (eBook)
Eine Erzählung aus dem Leben der Juden in Galizien von F. v. St. G.
Moritz Friedländer, Wien 1885, Lateinische Schrift
+ Vom Cheder zur Werkstätte für klassische Gitarre von Heinz-Gerhard Greve

**Gedichte** (eBook)
von Ludwig Franz Meyer
Lateinische Schrift
+ Ein Gedicht für klassische Gitarre von Heinz-Gerhard Greve

**Polnische Juden** (eBook)
Geschichten und Bilder von Leo Herzberg-Fränkel,
1888, dritte vermehrte Auflage
Lateinische Schrift
+ Aus der vergangenen Zeit für klassische Gitarre von Heinz-Gerhard Greve

**Eduard Kulke, Ausgewählte Werke** (eBook)
Lateinische Schrift
+ Musiknoten für das Stück Voskobari 167 für klassische Gitarre von Heinz-Gerhard Greve

**Geschichte der Juden in Frankfurt a. M. (1150-1824) von I. Kracauer, 1. Band** (eBook)
+ Noten „Voskobari 139“ für klassische Gitarre

**Geschichte der Juden in Frankfurt a. M. (1150-1824) von I. Kracauer, 2. Band** (eBook)
+ Noten „Voskobari 140“ für klassische Gitarre

**Geschichte der Juden in Nürnberg und Fürth von Hugo Barbeck, 1878** (eBook)
+ Noten „Voskobari 146“ für klassische Gitarre

**Für unsere Jugend. Ein Unterhaltungsbuch für israelitische Knaben und Mädchen. Herausgegeben von E. Gut** (eBook)
+ Noten „Voskobari 143“ für klassische Gitarre

## Sheet music of Musikverlag Ulrich Greve:

| | | |
|---|---|---|
| Beautiful Music For 10-string Classical Guitar, 2nd Edition, 18 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1026<br>UG 1027 |
| Beautiful Music For 10-string Classical Guitar, Second Book, 2nd Edition, 13 Pieces, Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1028<br>UG 1029 |
| Beautiful Music For 10-string Classical Guitar, Third Book, 2nd Edition, 12 Pieces, Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1030<br>UG 1031 |
| Beautiful Music For 10-string Classical Guitar, Fourth Book, 2nd Edition, 12 Pieces, Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1032<br>UG 1033 |
| Beautiful Music For 10-string Classical Guitar, Fifth Book, 2nd Edition, 13 Pieces, Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1034<br>UG 1035 |
| Beautiful Music For 10-string Classical Guitar, Sixth Book, 2nd Edition, 13 Pieces, Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1036<br>UG 1037 |
| Beautiful Music For 10-string Classical Guitar, Seventh Book, 13 Pieces, Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1040<br>UG 1041 |
| Beautiful Music For 10-string Classical Guitar, Eighth Book, 11 Pieces, Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1042<br>UG 1043 |
| Beautiful Music For 10-string Classical Guitar, Ninth Book, 13 Pieces, Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1044<br>UG 1045 |
| Beautiful Music For 10-string Classical Guitar, Tenth Book, 12 Pieces, Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1055<br>UG 1056 |
| An Old Man / ἀνδρεῖος, 2 pieces for 10-string classical guitar | eBook | UG 1095 |
| Beautiful Music For 6-string Classical Guitar, 2nd edition, 14 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1024<br>UG 1025 |
| 14 Songs By Mordechai Gebirtig, arranged for classical guitar, 3rd edition | eBook<br>Paper book | UG 1038<br>UG 1039 |
| Original Pieces For 10-string Guitar, Compilation of books „Beautiful Music For 10-string Classical Guitar“ 1 to 9 + 5 extra pieces + New compositions for 6-string classical guitar + 14 Songs By Mordechai Gebirtig, arranged for classical guitar + One new composition for Renaissance and one for Baroque lute | eBook<br>Paper book | UG 1053<br>UG 1054 |
| New Original Music For 11-string Alto Guitar, 30 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1049<br>UG 1050 |
| New Original Music For 11-string Alto Guitar, Second Book, 30 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1062<br>UG 1063 |
| New Original Music For 11-string Alto Guitar, Third Book, 30 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1089<br>UG 1090 |

| | | |
|---|---|---|
| New Original Music For 13-string Classical Guitar, First Book<br>(baroque tuning in D minor), 30 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1058<br>UG 1059 |
| New Original Music For 13-string Classical Guitar, Second Book<br>(baroque tuning in D minor), 30 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1060<br>UG 1061 |
| New Original Music For 13-string Classical Guitar, Third Book<br>(regular e tuning), 30 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1064<br>UG 1065 |
| New Original Music For 13-string Classical Guitar, Fourth Book<br>(regular e tuning), 30 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1067<br>UG 1068 |
| New Original Music For 13-string Classical Guitar, Fifth Book<br>(baroque tuning in D minor), 40 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1069<br>UG 1070 |
| New Original Music For 13-string Classical Guitar, Sixth Book<br>(baroque tuning in D minor), 40 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1076<br>UG 1077 |
| New Beautiful Duets For 6- and 10-string Classical Guitar, First + Second Book<br>20 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1079<br>UG 1080 |
| New Beautiful Duets For 6-string Classical and 11-string Alto Guitar,<br>10 Pieces<br>Composer: Heinz-Gerhard Greve | eBook<br>Paper book | UG 1083<br>UG 1084 |